# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Khesbn no. 104 - Autumn 1984 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/55n999xs

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 104(1)

**Author**
Admin, LAYCC

**Publication Date**
1984

**Copyright Information**
Copyright 1984 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

## 104


האַרבסט
תשמ"ה

AUTUMN
1984



אַרויסגעגעבן פון:

- לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור־קלוב און שרייבער־קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

- ל.א. קאונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
- אַרבעטער רינג קולטור־צענטער אין ל. א.

# אינהאַלט

זייט


לשנה טובה, ה'תשמ"ה — — — — — — — — — — — — — — — — — 3

שואל גוטמאַן / ניו־יאָרק: אַמעריקאַנער יידישע אינטעלעקטואַלן —
זייער באַציונג צו יידישקייט און צו ניו־יאָרק — — — — — — — — — 4

שלמה שוואַרץ / שיקאַגע: די טויזנט רגעס פון אַמאָל (פּאָעמע) — — — — — 9

א. לוריא / ניויאָרק: לידער — — — — — — — — — — — — 11

בלומע לעמפּל / ניו־יאָרק: די צווילינג־שוועסטער — — — — — — — — — 12

חנן קיעל / ניו־יאָרק: ירושלים לידער — — — — — — — — — — — 17

ד"ר יעקב י. מייטליס (ז"ל) לאָנדאָן: מיין מגילת פּוילן —
אַ נסיעה נאָכן חורבן (אַ קאַפּיטל זכרונות) — — — — — — — — — 19

יידישער נאַציאָנאַל פאָנד מודעה און באַגריסונג — — — — — — — — — 28

משה שקלאַר: פאַר דיין רו (לידער) — — — — — — — — — — — 32

שאָול מאַלץ / ניו־יאָרק: לידער פון גלויבן — — — — — — — — — — 34

לילי בערגער / פּאַריז: דער חוב (דערציילונג) — — — — — — — — — 35

ל. א. יידישער קולטור קלוב: שנה טובה ברכות — — — — — — — — — 41

חיים פּלאָטקין: לידער — — — — — — — — — — — — — — — 42

מירטין בירנבוים / ניו־יאָרק: צוויי לידער — — — — — — — — — — 42

שמואל איזבאַן / ניו־יאָרק: דער שרייבער —
זיין ביישטייער צו דער יידישער ליטעראַטור — — — — — — — — — — 44


☆

(סוף פון אינהאַלט אויף נעקסטער זייט)

# אינהאַלט

(המשך)


דוד אָפּאַלאָוו / ניו־יאָרק: צווי לידער — 48

ישראל הסתדרות פונדאַציע: מודעה און באַגריסונג — 49

חיים קעניגער / פּאַריז: לידער — 50

ס. נוטקעוויטש: מיינע קינדער־יאָרן
אין דער ערשטער וועלט־מלחמה — 51

חנן קיעל / ניו־יאָרק: די לידער פון יאָני פיין — 56

ש. גילעדי גילדער: אַ קאַפּיטל יידישע פּרע־היסטאָריע — 57

ליטעראַרישער באַטיך — 61

נייע ביכער אַנגעקומען אין רעדאַקציע — 62

ליטעראַטור פּרעמיע — 63


## ראש השנה באַגריסונגען


פון אָרגאַניזאַציעס — 64

אינדיווידועלע און משפחות — 70-69-68-67-66-65




די אַחריות פאַרן אינהאַלט פון די אַרטיקלען טראָגן די שרייבערס אַליין

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן
מיר לאַדן אייך איין אַנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען

ל. א. שטאָט־קאָמיטעט פון
ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד

עטל טאַפּט, פּרעזידענט • בערנאַרד. ווייסבערג, דירעקטאָר
סיון האַמבורגער, ראַיאָן פּאָרזיצער

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 655-2842



# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, California 90048



EDITORIAL BOARD:

M. SHKLAR S. WEISS S. SCHLOSSER
837 W. Knoll Dr., Los Angeles' Ca. 90069

ADMINISTRATIVE COMMITTEE:

G. FRYDMAN, *Financial Sec'y* H. BERMAN, *Administrator*
337½ No. Hayworth Ave., Los Angeles, Calif., 90048—Tel. 655-1292

*Members*: MOSHE COHEN, NAT GIEROWITZ, S. ZUCKERMAN & J. SHAFER



Subscription price: $5.00 per year

רעדאַקציע קאָלעגיע:
זלמן שלאָסער
משה שקליאַר
שמואל ווייס

# חשבון
נומ. 104
פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג:
„עניך בערמאַן, פאַרוואַלטער
גרשון פרידמאַן, פין. סעקר.
מיטגלידער:
נתן גראַוויטש, משה כהן
שלמה צוקערמאַן און
יעקב שייפער

פּערציקסטער יאָרגאַנג, נומער 104 • האַרבסט 1984 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.


# ה׳תשמ״ה 5745
# לשנה טובה תכתבו ותחתמו

**אונדזערע האַרציקע ברכות צו אַלע אונדזערע לייענערס און צו אַלע יידן אין דער גאַרער וועלט. מיר ווינטשן זיי אַלע אַ יאָר פון געזונט, פרנסה און פון שלום אויף דער וועלט.**

**ראש השנה** איז דער טאָג פון יידישן ניי־יאָר און דער טאָג פון געדענקען די פאַרגאַנגענע דורות.

**די פייערלעכקייט פון די ימים נוראים** איז פאַרבונדן מיט אַ שטימונג פון טיפער ערנסטקייט וואָס דער לעבן לייגט אַרויף אויפן מענטש. די פאַרכ־טיקע טעג זיינען פאַרבונדן מיטן לעבן פונעם יחיד, מיט זיין ישׂראַלישן געוויסן און זיינע רעליגיעזע געפילן און גריבלעניש. ס׳איז דער יום־טוב פון פערזענ־לעכן חשבון הנפש, אַ פאַרשפּיל צו יום־כיפור—דער גרעסטער און הייליקסטער טאָג פון יאָר ווען יידן רייניקן זיך פון זינד. ערשט נאָך דעם ווען מען פילט זיך שוין גייסטיק ווי אַ נייער מענטש, ריין פון פריערדיקער זינד, פייערט מען דעם פריילעכן יום־טוב פון אָנהייב יאָר: **סוכות.**

וואָס מיר זיינען דאָ אויסן איז אונטערצושטרייכן די וויכטיקייט אָנצוה־האַלטן די טראַדיציעס פון אונדזערע ימים־טובים, מחמת זיי סימבאָליזירן טיף מענטשלעכע ווערטן און דעם נאַציאָנאַלן גייסט, וואָס אָן זיי איז שווער אָנצו־האַלטן דעם קיום פון אונדזער פאָלק.

**זאָל דאָס נייע יאָר ברענגען שלום אויף דער וועלט.**

רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג
פון „חשבון"

שואל גוטמאַן / ניו־יאָרק

# אַמעריקאַנער יידישע אינטעלעקטואַלן — זייער באַציונג צו יידישקייט און צו ניו־יאָרק

לעצטנס זיינען דערשינען אַ ריי אויטאָביאָגראַפיעס פון היגע יידישע אינטעלעקטואַלן, קינדער פון מזרח־אייראָפּעיִשע אימיגראַנטן. אַזוי, למשל, האָבן במשך די לעצטע יאָרן פאַרעפנטלעכט אויטאָביאָגראַפיעס די קריטיקערס אַלפרעד קייזין, אירווינג האַו, און וויליאַם באַרעט — הגם דער לעצטער איז נישט קיין ייד, שילדערט ער די סביבה און די ראָלע פון יידיש־אַמעריקאַנער אינטעלעקטואַלן וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם ראַדיקאַלן אַנטי־קאָמוניסטישן זשורנאַל „פּאַרטיזאַן רעוויו“, וווּ די גרעסטע צאָל פון די מיטאַרבעטערס און טאָן־געבערס זיינען געווען יידן. איצט האָבן מיר פאַר זיך אַ בוך פון ביאָגראַפישע עסייען, זכרונות און אינטערוויוען וואָס גיבן אונדז איבער די באַציונג פון אַ ריי אָנגעזעענע יידישע שריפטשטעלערס און געלערנטע צו דער ספּעציפישקייט פון ניו־יאָרק, ווי זייער לעבן האָט זיך דאָ פאָרמירט, און זייער באַציונג צו יידישע פּראָבלעמען.

אַלע באַטייליקטע אין בוך זיינען יידן, אָבער זייער צוגאַנג צו יידישקייט איז פאַרשידנאַרטיק. מערסטע זיינען סימפּאַטיש און שטאָלץ מיט מדינת ישראל. דאָס „פּינטעלע ייד“ קלאַפּט אין אַלעמענס הערצער, אָבער פאַראַן צווישן זיי אויך עטלעכע וואָס זיינען קריטיש צו מדינת ישראל. ס׳איז אַ זאַמלונג פון עסייען און שמועסן מיט אינטעלעקטואַלן וואָס זייער רוב איז פאָרמירט געוואָרן, און געהאָלפן פאָרמירן די אַמעריקאַנער קולטור וואָס איז אויפגעקומען אין ניו־יאָרק במשך דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט.*)

די צוויי מחברים פון זאַמלבוך זיינען בערנאַרד ראָזענבערג, אַ פּראָפעסאָר פון סאָציאָלאָגיע אין ניו־יאָרקער סיטי־קאָלעדזש, און דער צווייטער רעדאַקטאָר איז ערנעסט גאָלדשטיין, דער אויטאָר פון עטלעכע ביכער. 24 שרייבערס באַטייליקן זיך אין בוך, און הגם די רעדאַקטאָרן דערקלערן אונדז נישט לויט וואָס פאַר אַ קריטעריע זיי האָבן אויסגעקליבן די באַטייליקטע אין בוך, זיינען די גרופּע שרייבערס רעפּרעזענטאַטיוו, און שטעלן מיט זיך פאָר אַ מיקראָקאָזם פון ניו־יאָרקער יידנטום. זיי אילומינירן די אייגנאַרטיקייט פון ניו־יאָרקער יידיש־אינטעלעקטועלן לעבן.

צווישן די באַטייליקטע אין בוך געפינען זיך עטלעכע יידיש־יידישע שרייבער: יצחק באַשעוויס און דער היסטאָריקער י.י. טרונק; דער יידיש־דייטשער געלערנטער האַנס מאָרגענטוי; די קריטיקערס אַלפרעד קייזין און אירווינג האַו; דער היסטאָריקער ד״ר גרשון קאָהען, ד״ר אירווינג גרינבערג, פּראָפעסאָר פון יידישע שטודיעס אין סיטי־קאָלעדזש, די ריכטערין דזשאָסטין ווייז פּאָליער, דער קריטיקער טעאָדאָר זאָלאָטאַראָף, דער שריפטשטעלער שלמה קאַץ, דער דראַמע־קריטיקער העראָלד קלאָרמאַן; די שרייבערין מידזש דעקטער, די אַרבעטער־פירערס גאָס טיילער און וויקטאָר גאָטבאַום; מוזיקאָלאָגן, סאָציאָלאָגן און אַרכיטעקטן. מערסטע זיינען אויפגעוואַקסן אין די יידישע געגנטן אין מאַנהעטן, בראָנקס און ברוקלין. אַנדערע האָבן זיך אויסגערייפט אין דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ, און עטלעכע האָבן זיך געראַטעוועט פון דער נאַצי־מגפה.

אין אַריינפיר צום בוך ווייזן די מחברים אָן אַז יידן זיינען אין דער מאָדערנער צייט, אין זייער רוב געווען שטאָטישע איינוווינערס, און אפילו אין אַלטער־

---

*CREATORS AND DISTURBERS *Reminiscences by Jewish Inaelectuals of New York.* Drawn from conversations with Bernard Rosenberg and Ernest Goldstein; Columbia University Press; 419 pp. New York, 1982.

טום זיינען זיי געווען קאָנצענטרירט אין אַלעקסאַנדריע, אַנטיוכיע, און ירושלים. ווען מ'האָט זיי אין צאַרישן רוסלאַנד פאַרשפּאַרט אין דער טשערטאַ (תחום המושב) האָבן זיי זיך פון דעסטוועגן דורך אַלערליי מיטלען אַריינגעקראַגן אין די גרויסע שטעט, ווו זיי האָבן אַנטוויקלט אַ סעקולערע, נאָן־קאָנפאָרמיסטישע, ראַדיקאַלע אינטעליגענץ. יידן האָבן אַרויפגעלייגט זייער חותם אויף דער קולטור פון בערלין, ווין, פּראַג, בודאַפּעסט, לאָנדאָן און פּאַריז.

בהדרגה האָבן יידישע ליבעראַלע באַוועגונגען דערגרייכט די פּאַראייניקטע שטאַטן. ביים סוף פון פון 19טן יאָרהונדערט זיינען נאָך די ספרדישע און דייטשישע יידן אַריינגעקומען קיין אַמעריקע. די מזרח־אייראָפּעישע יידן וואָס האָבן דאָ אַנטוויקלט אַ רייכע יידישע און יידיש־קולטור, זייערע סאָציאַלע קאַמפן, און קולטורעלע אויפטואונגען, האָבן ניט נאָר באַרייכערט זייער עטנישע גרופּע, נאָר זיינען געוואָרן אַ וויטאַלער טייל פון דער גאַנצער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע.

## II

מיר וועלן זיך דאָ נישט קענען אָפּשטעלן אויף די לעבנס־געשיכטעס און אָנשויונגען פון אַלע אנטיילנעמערס אין בוך; ס'איז אויך נישט נייטיק, וואָרעם באַשעוויס, קייזין און האַו האָבן אונדז שוין אין זייערע ווערק באַקענט מיט זייערע לעבנס־באַנעמען, און זייערע אידעעישע טראַנספאָרמאַציעס. מיר וועלן דעריבער באַהאַנדלען עטלעכע ווייניקער באַקאַנטע געלערנטע און שרייבערס וועגן וועלכע מיר ווייסן ווייניק; ס'וועט אונדז זיין ביז גאַר אינטערעסאַנט זיך מיט זיי צו באַקענען, וואָס עס געפעלט זיי וועגן ניו־יאָרק, און זייערע מיינונגען וועגן אַמעריקאַנער יידישן לעבן.

עס איז באַלערנדיק זיך צו דערוויסן פון האַנס מאָרגענטוי (1904-1980) דער דייטשער ייד וואָס איז דאָ געוואָרן באַוווסט ווי אַ פּאָליטישער וויסנשאַפטלער און דיפּלאָמאַט, אַז ער איז אין אַמעריקע פון אַן אַסימיליאַטאָר געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער ייד. ער האַלט אַז דער הויפּט־אינטערשייד צווישן דעם דייטשן און אַמעריקאַנעם יידנטום, איז דער אָפענער אַנטיסעמיטיזם פון זיין געבוירן־לאַנד. ווען ער איז אַלט געווען 18 יאָר, האָט ער אין דער דייטשער גימנאַזיע געשריבן אַן עסיי אויף דער טעמע: „וואָס האָף איך צו געווינען אין לעבן?" זיין ענטפער איז געווען: צו פילן אַז דער עול פון אַנטיסעמיטיזם איז געוואָרן אַראָפּגענומען פון אים. ער ווייסט אַז אויך דאָ אין אַמעריקע איז ער נישט אינגאַנצן פטור געוואָרן פון דער צרה; ווי אַן אימיגראַנט, די ערשטע יאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן (1937) ווען ער האָט געזוכט אַ פּאָסטן אין די היגע אוניווערסיטעטן האָבן אים די דעקאַנען דערקלערט: „מיר האָבן קיינמאָל נישט אָנגעשטעלט קיין ייד ווי אַ פּראָפעסאָר, און וועלן עס איצט נישט אָנהייבן." ער האָט געדאַרפט פאָרן קיין קענזעס צו קריגן אַ פּאָסטן אין אַ קאָלעדזש.

וואָס האָט אים דערפירט צו נאַציאָנאַלער יידישקייט? און צו אַ וואַרעמער באַציונג צו מדינת ישראל? דער עיקר, די מלחמה פון 1967, וואָס האָט אים איבערגעצייגט אַז ישראל איז אַ נאַציע וואָס קען קעמפן און שטיין אויף די אייגענע פיס, און נישט „אַ פּאַלק פון שנאָרערס", וואָס לעבט פון די נדבות פון אַמעריקע און וועלט־יידנטום" — ווי ער האָט ביז דעמאָלט געמיינט.

ער קריטיקירט זיין לאַנדספרוי האַנאַ אַרענדטס שטעלונג צום אייכמאַן־פּראָצעס און אירע טענות צו יידן וואָס האָבן נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד צו די דייטשן. ער פרעגט, ווי האָבן די דייטשע יידן געקענט זיך גרייטן צו אַ באַוואָפנטן קאַמף קעגן די דייטשן, ווען זיי האָבן ז י ך באַטראַכט ווי אמתע דייטשן! ער דריקט אויס זיין צופרידנקייט מיטן אַמעריקאַנעם פּלוראַליזם, וואָס האָט אָפּגעוואָרפן די „שמעלץ־טאָפּ" אידעע, און וואָס באַדייט קאָ־עקזיסטענץ פון פאַרשיידענע קולטורן אין אַמעריקע. ער איז שטאָלץ וואָס ער איז אַ מיטגליד פון אַ יידישן סעמינאַר אין קאָלומביאַ אוניווערסיטעט, מיט וועלכן סאָלאָ באַראָן פירט אָן.

ער דריקט אויך אויס צופרידנקייט מיטן פאַקט וואָס זיין זון גייט אין אַ שיל יעדן פרייטיק אָוונט, און איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער חסידישער

באַוועגונג. נאָך אַן אוידיענץ מיטן ליובאַוויטשער רבין איז דער דייטשער ייד מאָרגענטוי געוואָרן שטאַרק באַאײַנדרוקט פֿונעם רבינס פּערזענלעכקייט — אַ רבי מיט אַ סעקולערער בילדונג, וואָס ווידמעט זײַן לעבן צו פּרעזערווירן די יידישע גייסטיקע ירושה. שוין דערמיט אַליין איז ניו־יאָרק פֿאַר אים אַזוי פֿאַסצינירנדיק און סטימולירנדיק. דער געלערנטער באַטאָנט אַז ער האָט במשך זײַן לעבן אין אַמעריקע געלערנט אין פֿאַרשידענע שטעט, אָבער אין ערגעץ האָט ער זיך נישט געפֿילט אַזוי גוט ווי אין דער ניו־יאָרקער אינטעלעקטועלער סביבה, וווּ עס וווינען אַזוי פֿיל אינטערעסאַנטע און פֿאַרשידנאַרטיקע מענטשן.

פֿאַר אַ ידיש־ייד איז עס נישט קיין אַנטדעקונג אָט דאָס וואָס מאָרגענטוי האָט געפֿונען אין ניו־יאָרק, אָבער עס איז כאַראַקטעריסטיש אַז דער אַמעריקאַנער קיבוץ גלויות קען יודאַיזירן, פֿאַריידישן, נישט נאָר אַסימילירן יידן, און פּראָפּ׳ מאָרגענטוי איז אין דעם פּרט נישט קיין אותיקום. אָבער ס׳ווערט אומעטיק ווען מען דערמאָנט זיך אַז מיט אַ 25 יאָר צוריק האָבן ידיש־יידן זיך געפֿילט אין דער ניו־יאָרק פֿון ידיש־שרײַבערס, פּובליציסטן, פּאָעטן, און דראַמאַטורגן, ווי אין וואַרשע אָדער ווילנע; ליידער, ליידער איז אונדזער אינטעלעקטועלע סביבה זייער אײַנגעשרומפּן געוואָרן...

III

עס איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף צוויי פּערזענלעכקייטן וואָס פֿאַרנעמען וויכטיקע פּאָזיציעס אין ניו־יאָרקער ידישן לעבן: די צוויי רעליגיעזע געלערנטע: ד״ר גרשון קאָהען, פּרעזידענט פֿון ידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר (געבאָרן אין 1924) און ד״ר אירווינג גרינבערג (געבאָרן אין 1932) קאַמבינירן אַ ברייטע סעקולערע און טראַדיציאָנעל־ידישע בילדונג. דער ערשטער, וועלכער האָט באַקומען זײַן דאָקטאָראַט אין קאָלומביע אוניווערסיטעט פֿאַר סעמיטישע שפּראַכן, איז אַ היסטאָריקער און דער מחבר פֿון עטלעכע ווערק פֿון ידישער געשיכטע. אויך ער דריקט אויס זײַן צופֿרידנקייט מיטן אויפֿקום פֿון דער עטנישער באַוועגונג אין אַמעריקע, און ער שטרייכט אונטער, אַז ער איז נישט מסכים מיט יענע וואָס פּריידיקן אַז דער ידישער און אַמעריקאַנער עטאָס זײַנען אידענטיש. ער איז צופֿרידן וואָס אַמעריקע האָט אויפֿגעגעבן די באָסטאָנער „בראַהמינישע" (אַריסטאָקראַטישע) מאָס, און די שמעלץ־טאָפּ־טעאָריע, וואָס האָט געהאַלטן דעם אַגלאָ־זאַקסישן פּראָטעסטאַנטיזם פֿאַר דעם איינציקן לעגיטימען לעבנס־שטייגער. נישט געקוקט אויף דעם וואָס יעדער מענטש איז טיף פֿאַרוואָרצלט אין זײַן עטנישער גרופּע, קענען מיר פֿון דעסטוועגן ביז אַ געוויסער מדרגה, זיך דערנענטערן מיט מענטשן פֿון פֿאַרשידענע קולטורן, אמונות און איבערצייגונגען. און אפֿילו ווען ער איז מיט זיי נישט מסכים, איז אים אָנגענעם צו דיסקוטירן מיט זיי, און אָפֿט קעמפֿן צוזאַמען פֿאַר אַ געמיינזאַמען אידעאַל. אָט דאָס איז פֿאַר אים ניו־יאָרק אויף דער העכסטער מדרגה.

דער צווייטער פֿריער דערמאָנטער ראַביי, דר. אירווינג גרינבערג, וועלכער גיט זיך אַ סך אָפּ מיט פֿאָרשונגען פֿון חורבן 1939-1945, באַטראַכט זיך ווי אַן אָרטאָדאָקסישער ידישער געלערנטער, און ער האָט באַקומען זײַן דאָקטאָראַט אין אַמעריקאַנער געשיכטע, פֿון האַרוואַרד אוניווערסיטעט. ער דערקלערט אַז די ידישע געשיכטע איז איצט אַרײַנגעטראָטן אין דער דריטער ערע — נאָך די ערשטע צוויי תקופֿות: די ביבלישע און רבנישע — אַן ערע וואָס פֿאַרלאַנגט אַ סינטעז פֿון נײַע און אַלטע ווערטן אין ידישן לעבנס־שטייגער. אַלע יידן, באַטאָנט ער, דאַרפֿן שטיין מיטן פּנים צו דער ידישער טראַדיציע. אָבער ס׳איז נייטיק זיך צו פֿאַרנעמען מיט סאָציאַלע און פּאָליטישע ענינים, בעת רעליגיעזע יידן דאַרפֿן זיך צופּאַסן צו דער מאָדערנער וועלט. צוזאַמען מיט עליע וויזעלן האָט ער אין 1974 געגרינדעט דעם „נאַציאָנאַלן ידישן רעסורסן צענטער", אַ באַזע פֿון וועלכער ער פֿאָרשט דעם דריטן חורבן.

דער היינטצײַטיקער ידישער חורבן, דערציילט ער, האָט אים נישט געלאָזט רוּען, און וואָס מיר זאָלן נישט שרײַבן וועגן אומקום פֿון די זעקס מיליאָן יידן, איז עס נישט אַדעקוואַט, ווייל מיט אונ־

דזערע דערקלערונגען און טײַטשונגען פֿאַרהיימישן מיך דאָס אומבאַשרײַבלעכע, דאָס אומצוטריטלעכע. ער איז מודה אַז זײַן שטעלונג שטעלט נישט צופֿרידן אַ סך אָרטאָדאָקסישע ייִדן, אָבער אין היגן ייִדישן קיבוץ, מיינט ער, אַז ער האָט צעבראָכן אַ רײַ באַריערן, מחיצות, צווישן די פֿאַרשיידענע ייִדישע גרופּירונגען.

ער אַנערקענט אַז ס'איז נישט גענוג צו זײַן אָרטאָדאָקסיש — ער איז נישט גרייט זיך אָפּצוזאָגן פֿון אַנדערע ייִדן. אויך אין דעם רעפֿאָרם־ייִד, פּראָפֿעסאָר עמיל פֿאַקענהיים, וועלכער האָט טיף איבערגעלעבט דעם חורבן, און הערט נישט אויף צו גריבלען און ווייטיקן איבער דעם ייִדישן אומגליק, האָט ער דערפֿילט אַ נאָענטקייט, וואָס ער פֿילט נישט צו אַ סך פֿון די אָרטאָדאָקסישע ייִדן. זײַנע רעפֿלעקסיעס האָבן אים געפֿירט צו אַ פֿיל־בריטערער ייִדישער געמיינשאַפֿט: "ייִדן דאַרפֿן זיך באַשיצן, אָבער זיי מוזן אויך זײַן מאָראַליש סענסיטיוו און אַחריותדיק פֿאַר גויים."

איינער פֿון זײַנע הויפּט־צילן איז אַרײַנצושטעלן דעם דריטן ייִדישן חורבן אין קוריקולום פֿון די אַלגעמיינע אַמעריקאַנער שולן. ער האָט דאָס שוין דערגרייכט אין אַ סך שטאַטן, אַפֿילו אין אַריזאָנאַ און טעקסאַס. ער איז איבערצייגט אַז פּונקט ווי יציאת מצרים איז געוואָרן אויפֿגענומען אויך פֿון נישט־ייִדן ווי אַ פֿענאָמען פֿון אוניווערסאַלן באַטײַט, און עס האָט איבערגעשטאַלטעט די וועלטן נישט בלויז פֿון ייִדן, פּונקט אַזוי האָט דער אויפֿקום פֿון מדינת ישׂראל און דער דריטער חורבן דראַמאַטיזירט אַ קולטורעלן וועלט־קריזיס.

ס'ווילט זיך צוגעבן צו די ריכטיקע רעיונות פֿון גרינבערגן אַז יעדער ייִד צו וועלכער ריכטונג ער זאָל נישט געהערן, דאַרף איבערשאַצן זײַנע פֿאַר־חורבנדיקע ווערטן פּנים אל פּנים מיט דעם קאַטאַקליזם וואָס אונדזער דור האָט איבערגעלעבט; ס'איז ממש אַ זינד זיך צו האַלטן בײַ קאַטעגאָריעס און שאַבלאָנען פֿון פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

## IV

מען דאַרף זיך באַקענען מיט דעם בײַטראָג פֿון דעם טאַלאַנטפֿולן קריטיקער טעאָדאָר זאָלאָטאַראָף, געוועזענער מיט־רעדאַקטאָר פֿון „קאָמענטאַרי“, און דער רעדאַקטאָר פֿון די פּעריאָדישע זאַמלביכער „דער נײַער אַמעריקאַנער רעוויו“. דער קריטיקער צייכנט אָן עטלעכע שטריכן אין זײַן פּערזענלעכקייט און זײַן גײַסטיקע עוואָלוציע. הגם דער שיקאַגער אוניווערסיטעט האָט אים פֿאָרגעשלאָגן אַ סטיפּענדיע, האָט ער באַשלאָסן צו קומען קיין ניו־יאָרק און דאָ צו פֿאַרבלײַבן. ער דערמאָנט, אַז כּדי צו ווערן אַ שרײַבער אין 1952, האָט מחיבֿ געווען צו זײַן אַליענירט. זײַנע געטער זײַנען דעמאָלט געווען: דזשיימז דזשאָיס, קאַמו, קאַפֿקאַ, און דער יונג־פֿאַרשטאָרבענער, זייער טאַלאַנטפֿולער נאָוועליסט אײַזיק ראָזענפֿעלד. זאָלאָטאַראָף איז דעמאָלט געקומען קיין ניו־יאָרק און דאָ, במשך עטלעכע יאָר, געאַרבעט ווי אַ קעלנער, שרײַבנדיק עסייען פֿון צײַט צו צײַט. ער האָט געפֿילט אַז כּדי צו זײַן אַ שרײַבער דאַרף ער קענען דאָס לעבן פֿון פּשוטן מענטש; דאַרף ער לעבן אין זײַן סבֿיבֿה. ייִדישער כאַראַקטער האָט פֿאַר אים געמיינט: אַ פֿול האַרץ.

אײַזיק ראָזענפֿעלדס אַ שורה אין זײַן דערציילונג: „די האַנט וואָס האָט מיך געשפּייזט“, האָט אים באַאײַנדרוקט. דער העלד אין דער דערציילונג פֿאַרליבט זיך אין אַ מיידל וואָס שטייט אין דער „וויל־זין רײַ“ (וועלפֿעיר ליין); שרײַבט ער איר: „זײַ פֿרײַנדלעך צו יענע וואָס האָבן זייערע ווונטשן נישט דערגרייכט.“ און הגם ייִדישקייט איז דעמאָלט פֿאַר זאָלאָטאַראָפֿן נישט געווען זײַן הויפּט־אינטערעס האָט עס פֿאַר אים באַצייכנט אַ באַשטימטע עטיק, וואָס ער האָט פּרובירט קאָמבינירן מיט דער מאָדערנער קונסט. זײַן באַגריף וועגן קונסט איז געווען באַפֿאַרבט מיט אַ רוסיש־ייִדישן סענטימענט וואָס האָט נישט געשטימט מיט דער קריסטלעכער קאַלטבלוטיקייט פֿון ט. ס. עליאָט, דזשאָיס, און פֿלאָבער. ער האָט פּרובירט סינטעזירן דעם ייִדישן עטאָס פֿון זאָרג פֿאַר יענעם, מיט דער קריסטלעכער קונסט פֿון אינדיפֿערענץ.

אין 1958 האָט ער געשריבן זײַן דיסערטאַציע איבער דעם אַמעריקאַנער נאָוועליסט העברי דזשיימז, און פֿלוצלונג

זיינען אויף דער ליטעראַרישער סצענע אַרויף: באַשעוויס, מאַלאַמוד, בעלאָו, און פיליפ ראָטה. זיי האָבן אַריינגעפירט אין דער ליטעראַטור זייערע ייִדישע העלדן, וואָס ער האָט ביז דעמאָלט געהאַלטן פאַר אומוויכטיק. זיי האָבן גערעדט צו אים וואָס עס באַטייט צו זיין אַ ייִד. ער איז אויך באַאיינדריקט געוואָרן פון קריטי־קער און עסייאיסט לייאָנעל טרילינג: ער איז געוואָרן פאַר אים אַ ייִדישער מעטיוו אַרנאָלד, פול מיט אַחריות פאַרן כלל.
אין יענער צייט האָט די ליטעראַרישע ביילאַגע פון דער „לאָנדאָן טיימז" פאַר־בעטן זאַלאָטאַראָפן אָנצושרייבן אַן עסיי וועגן דער ייִדישער ראָלע אין דער אַמע־ריקאַנער ליטעראַטור. עס איז געווען אַן אָפּהאַנדלונג פול מיט ליידנשאַפט, צערו־דערונג און אַנטדעקונג. ער האָט זיך דערפילט שטאָלץ, פאַראינטערעסירט, און איבערצייגט אַז מ'קען שאַפן ליטעראַטור וועגן ייִדישע העלדן, ייִדישער פּראָ־בלעמאַטיק, ייִדיש לעבן, וועגן ייִדן־זיין. אַ דאַנק דער עסיי איז ער געוואָרן „איבער־נאַכט" באַרימט, און ווי אַ רעזולטאַט האָט פאָדהאָרעץ אים פאַרבעטן צו ווערן אַ מיטרעדאַקטאָר פון „קאָמענטאַרי". שריי־בנדיק אין דערמאָנטן זשורנאַל אַ רעצענ־זיע איבער שוואַרץ־באַרדס: „דער לעצער פון די גערעכטע" איז דער קריטיקער געוואָרן באַוווסטזיניק וועגן דעם גרויל פון דער ייִדישער טראַגעדיע אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

ער האָט שפּעטער רעזיגנירט פון „קאָ־מענטאַרי", אָבער ער איז פאַרבליבן וווי־נען אין ניו־יאָרק, ווייל ער, ווי מערסטע באַטייליקטע אין דעם בוך, האַלט אַז דאָ פילט ער זיך „אין דער היים"; ער דער־פילט אין זיך „די נשמה פון אַ ייִדישן זשורנאַליסט". און דאָס האָט אים געפירט זיך נעמען לערנען העברעיש, און „צו קריגן פאַר דער שפּראַך אַ ליידנשאַפט וואָס ער האָט פאַר קיין אַנדער שפּראַך נישט געפילט." ער איז אויפגעוואַקסן אין אַן אַסימילירטער פאַמיליע און דאָך זיינען די טיפסטע דערפאַרונגען פון זיין לעבן פאַרבונדן מיט ייִד־זיין; ער איז אפילו געוואָרן אַ מיטגליד פון אַ מנין.

מיר מוזן זיך נאָך אָפּשטעלן, גאָר בקי־צור, אויף דער עסיי פון דער ריכטערין דזשאָסטין וויז פּאָליער. זי פאַרטיידיקט ליידנשאַפטלעך און איבערצייגנדיק איר באַרימטן פאָטער: ראַביי סטיפן וויז, און זי וואַרפט אָפּ די באַשולדיקונגען קעגן אים מצד רעוויזיאָניסטישע היסטאָריקער, אַז ער האָט ווייניק געטאָן אָפּצושטעלן דעם אומברענגג פון די זעקס מיליאָן ייִדן. זי באַטאָנט קודם כל, אַז די דאָזיקע היס־טאָריקערס קענען נישט באַנעמען דעם גייסטיקן קלימאָט פון יענער צייט וואָס האָט דאָמינירט דאָס עפנטלעכע לעבן פון אַמעריקע. זי דערמאָנט אונדז אַז בעת רוזוועלט האָט צום ערשטן מאָל אין 1932 קאַנדידירט פאַר פּרעזידענט, האָט איר פאָטער געשטיצט די קאַנדידאַטור פון אַלפרעד סמיט, וועלכער איז נישט נאָמי־נירט געוואָרן פון די דעמאָקראַטן. איז שוין דערמיט וויזעס השפּעה אויף רוז־וועלטן געווען באַגרענעצט.

זי שטרייכט אונטער די היפּאָקריטיש־קייט און די אַנטיסעמיטישקייט פון אַ סך באַאַמטע אין סטייט דעפּאַרטמענט, און זי שאַנעוועט נישט די דעמאָלטיקע פירערס פון דער „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע" וואָס זיינען איינפלוסרייכע טאָן־געבערס זיינען באַשטאַנען פון דייטשלאַנד־אָפּ־שטאַמיקע גבירים. מיט זייערע מיינונגען האָט זיך פּרעזידענט רוזוועלט גערעכנט, און זיי האָבן מיטגעהאָלפן אין פּרעזי־דענטס אַרגומענט אַז מ'טרייבט איבער בנוגע די דייטשע גרוילטאַטן לגבי ייִדן.

לאָמיר פאַרענדיקן דערמיט אַז הגם מיר ווייסן נישט לויט וואָסער מעטאָדע די מחברים פון בוך האָבן אויסגעקליבן די 24 אנטיילנעמער, זיינען זיי פון דעסט־וועגן רעפּרעזענטאַטיוו פאַר אַ גרויסן טייל פון ניו־יאָרקער ייִדישע אינטעלעק־טואַלן. דער גרויסער רוב פון די באַטיי־ליקטע איז שטאַרק באַווירקט געוואָרן פון דריטן חורבן, און פון אויפקום פון דער ייִדישער מדינה. זייער האַרץ איז „אויפן ריכטיקן אָרט" אָבער דער מוח איז פאַרגויאישט. זייערע העלדן זיינען דערוויל נאָך נישט פּרץ, ביאַליק, אָדער לייוויק. זיי וואָלטן „געמעגט" אַריינ־נעמען אין זייער גייסטיקן פאַרמעגן כאָטש מאָריס סעמיועלן, וועלכער איז געווען אינטים מיט דער מערב־קולטור

**שלמה שוואַרץ / שיקאַגע**

# די טויזנט רגעס פון אַמאָל

„זיי זאָגן: „כ'בין מאָדערן.
ווער קען זיי פאַרווערן?
נאָר היינט, מאַמעניו,
ווילט זיך מיר וויינען
פאַר דיר — אַלטוועלטיק.״

**א.**

דער יינגל אין מיר וויל ניט פאַרגיין
אין מיין פאַרעלטערטן גוף.
ער פאַרוויגלט זיך צוריק
צום אָנהייב —
צו זיין איין־איינציקן אָנהייב
ווען דער הימל איז ניט געווען
אַ בלויער ליגן
אַ שפּיגל פאַר זיין פּנים
מיט וואָלקנס, אָן שטערן.

אויב עפּעס איז פאַרלאָרן
און עפּעס נאָך פאַרבליבן:
צו וואָס אויסמיידן,
ניט דערמאָנען?
אַקעגן שאַרפע שטיינער ביסטו געלעגן
אַריינגעזונגען אין מיין מויל
אַ ניי לעבן!
ווי אין אַ חלום, בערגלעך שניי
אַרום דיר,
זיידעס
האָבן געריבן דיין פּנים
דיין שמייכל זאָל ניט פאַרגיין.
דער זכרון שפּראָצט
מיט זאַכן אַ סך:
אַן עמער, וואַסער, אַ שערל,
דער שניי,
וואָס האָט געטאַנצט אין דיינע האָר.

דיין הייסער אָטעם האָט דעם זומער
געבראַכט
מיט צווייגן ווי שורות
צום הימל.
אויסגעהיילט פון אַ סך ביכער
באַשלאָסן
צו זוכן איצט
דעם ברונעמל
אין דיינע אייביקע אויגן.

**ב**

די שקיעה אויף קאַטאָוועס
ווי גאָלד אין די שויבן.
שטערן ווי פידלען
האָבן געשפּילט אין די לאַבירינטן.
די טויבן מיינע אַרום טייך
זיינען געפלויגן געניטער
צום הימל, משוגע־שיין.

---

און גלייכצייטיק אַ בן־בית אין דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור.

אָבער דער אויפגעוואַכטער אינטערעס אין יידיש און אין דער מזרח־אייראָפּעישער יידישער ציוויליזאַציע ביי אַ באַדייטנדיקן סעקטאָר פון דער היגער יידישער סטודענטנשאַפט און די יודאַיקא דעפּאַרטמענטן אין אַ סך אַמעריקאַנער קאָלעדזשעס, גיבן אונדז די האָפענונג — און די ערשטע שוואַלבן באַווייזן זיך שוין — אַז דער יינגערער דור אַמעריקאַנער יידישע אינטעלעקטואַלן וועט אויך אָנפילן זיינע מוחות מיט יידישן אינהאַלט, און וועט נישט אָפּקומען בלויז מיט יידישע סענטימענטן.

דערנאָך
איז אלול־צייט געהאָנגען
אין די פוסטע סעדער;
קאַנטיק פּאַראורטיילט
מיט רויטע וווּנדן
און רייפן טרויער —
ווייסער פון די קנויטלעך
די מורא פאַרן סוף־זומער.

אויב געבוירט,
פאַרוואָס ניט אייביק?
אויב שטאַרבן,
פאַרוואָס
די קאָסמעטישע פאַרבן?
צעבראָכענע שערבלעך
ווי פאַרוואָלגערטע בלינדע שטראַלן
גייען מיר נאָך
געטריי
מיט אַלע טעג און נעכט
פאַרשלאָסן
אין מאַמעס אייביקע אויגן.
דער יינגל אין מיר
וויל ניט פאַרגיין
אין געעלטערטן גוף.

ג.

קומען
אָבער
מוז איך צו דיר
אַ פּייערל, אַ קליינס,
מיט דייַן ליד אויף מיין ליפּ —
זיך אָנצינדן גרויס,
גרעסער ווי די פּאָעמע
וואָס ליגט
אַ טייל פון מיר ספינקיס שטיל
אין שופלעדל.

ברענגען וועל איך דיר
שטייניקן שוויגן.
אַ בערגל שטויב
צו דיין פאַרבאַרגענער שויבל,
דו וועסט קענען זען
די ווייסע טויב
געהאָדעוועט אין דיין שמאָלער קיך
אַזוי שיין:
גרוי־שוואַרץ איז זי געוואָרן
אויפן אָפּגעברענטן דאַך.

זאָל איך, חלילה, גאָט באַהיט,
איבערהיפּן דיין גריבעלע־טירל —
זינג אַרויס, כ'בעט,
דורך די שטומקייט
פון צעהויקערטע שפּורן
פאַרוויגלטן שיר
דיינעם
צו די בלאַסע פּיספּינגער מיינע —
פאַרנאַר מיך אין שלאָף
נעבן דיר
מיט די אָנגעצונדענע טויזנט רגעס
פון אַמאָל.

(1984 שיקאַגאָ)

א. לוריא / ניו־יאָרק

# לידער

## דער קרייז

דער גאַנג וואָס איז פאַר מיר באַשטימט
איז איינגערינגלט אין אַ רינג.

איך טרעט אין אים אַ יעדן טאָג —
טראָט נאָך טראָט, טראָט נאָך טראָט.

ער איז ניט לאַנג און אָן אַ פגם,
און גאָרניט שטייט אין וועג דיר סתם.

און דאַכט זיך, אין אַזאַ מין רינג
וואָלט גיין דעם וועג געווען דיר גרינג,

און וואָלסט די שטרעקע אָן אַ טראַכט
ווי גלייך אין שפאַס אַדורכגעמאַכט,

ווען דו וואָלסט בלויז געקענט
אַוווּ דער אָנהייב און ווו די ענד.

נאָר גראָד אין דעם איז, אויב איר ווילט,
די גאַנצע טיפקייט איינגעהילט,

אין דעם, אין דעם איז ערשט דער תוך—
ניט וויסן דווקא פונעם סוף,

דער גאָרער טעם און סוד פון קרייז —
איז אָנהייבן איבעראַניים.

## האַרבסט

אַ מין געבענטשטער טאָג פון האַרבסט,
ווי נאָר פאַר דיר, פאַר דיינעט־וועגן;
פאַרהאַק דאָס הויז, רייס־אויס פון האַרץ
און לאָז אין וועלק זיך אויף די וועגן.

און ווו אין פעלד אַ שטיין אין ראָוו
זאָל אַ צוקאָפּנס ער דיר ווערן,
און קלייב ווי עפל אינעם שלאָף
די רייפע פאַלנדיקע שטערן.

לאָז־איבער ברויט און זאַלץ ביים שטיין
פאַר דעם וואָס גוטע היים איז וואָגל
און ווייטער נעם אין וועג זיך גיין
ביז ס׳וועלן דיינע פיס דיך טראָגן.

## דער עפלבוים

אין אונדזער הויף אַוודאי איצט
גייט־אויף דער עפלבוים אין צוויט.

ווי יעדער יאָר אין אָט דער צייט
ער ווערט פאַריינגערט איבער נאַכט,
און, ווי אַ שנייפאַל, ווייסע בליטן
אים ביזן שפיץ אַרויף פאַרשיטן.

און ליכטיק ווערט פון אים אין הויף,
ווי גלייך אין מיט פון העלן טאָג,
און אַלע נעכט אויף בלינד צו ווערן
אויף מיילן לייכט ער ווי אַ שטערן.

ער איז אין אויפבלי אַזוי שיין,
עס ווערט דאָס אויג פון אים ניט זאַט,
און שמעקן שמעקט ער— צווישן ביימער
איז נאָך ניטאָ אַזאַ מין איינער.

אים האָט געליבט די גאַנצע גאַס,
אַוווּ אַ שוועל נאָר פון אַ הויז,
די גאַס וואָס איז געוואָרן גאַז,
וואָס איז אין אַש געבליבן בלויז.

אַ, עפלבוים פון אונדזער הויף,
איך זע דיך היינט אין צוויט דורך רויך.

בלומע לעמפּעל / ניו־יאָרק

# די צווילינג־שוועסטער

יעדן פרילינג טרעפן זיי זיך די צווילינג־שוועסטער, זיי טרעפן זיך אין דעם קליינעם איטאַליענישן קוראָרט אַבאַנאָ, וואָס נעסטיקט צופיסנס די אַפּענינען בערג. די שוועסטערן קומען זיך צונויף פון צוויי אַנטקעגנגעזעצטע פּאָלוסן — איינע פון לאָנדאָן, די צווייטע פון בערלין.

געוויינלעך קומט די פון לאָנדאָן פריער. זי ברענגט פאַר איר שוועסטער די נאַשערייען וואָס זענען אין בערלין ניט בנימצא. זי ברענגט כשרן וווּרשט, געזאַלצענע פּרעצלס, שמאַלץ־הערינג אַזש פון ווייטשעפּל. זי ברענגט אויך מיט היימיש געבאַקענע ציבעלע פּלעצלעך, ווי מ'פּלעגט מאַכן אין פּוילן.

די בערלינער שוועסטער האָט נישט ליב קיין זיסע מאכלים. זי זאָגט, אַז זיס איז זי אַליין. און דאָס איז טאַקע אמת אויך. מענטשן קלעפּן זיך צו איר ווי בינען צו האָניק. איצט איז דער האָניק שוין אַ ביסל פאַרלעגן, אָבער זי ציט נאָך אַלץ דעם אויפמערק. דער בלוי אין אירע אויגן, דער גאָלד אין אירע האָר, וואָס איז אַזוי פיל בייגעשטאַנען אין צייט פון דער היטלער־מגפה, גילט נאָך אַלץ. ווען זי קומט, ברענגט זי מיט זיך גאַרנישט. זי האַנדלט איין אירע פּרעזענטן אין איטאַליע גופא. זי ווייסט, אַז איר שוועסטער רירט ניט אָן קיין זאַך וואָס טראָגט דעם דייטשן שטעמפּל. דעם סיכסוך האָבן זיי שוין לאַנג אויסגעגליכן. זיי האָבן איבערגעברענט די פאַרריבלען, אַוועקגעוואַשן דעם פאַרדרוס און געלאָזט די דאָזיקע פאַרבינדונג אומבאַשעדיקט.

שוין שיינע עטלעכע יאָר ווי די טרעפונג גייט אָן. נאָך דעם ווי זיי ווייזען זיך אויס, לאַכן זיך אויס, מעסטן אָפּ איינע די צווייטע מיט די אויגן, מיט די הענט, מיטן האַרץ און מיט דער נשמה, גיט מען אַזוי זייטיק אַ פרעג: „און די משפחה וואָס מאַכט?“ די פראַגע קומט מען אָפּ מיט אַ טרוקענעם „שיינעם דאַנק“. באַלד דאַרויף גייט מען איבער צו די נייעס פון האָטעל, וועלכע געסט זענען צוריקגעקומען, ווער עס איז אַריבער אין אַן אַנדערן האָטעל. די וואָס איז געקומען פריער גיט אויך איבער אַז די פאַריעריקע מאַסאַזשיסטקע האָט חתונה געהאַט. איר שטעלפאַרטרעטערין האָט פינגער ווי צוואַנגען. די בלאָטע־לייגערין איז אַן אמתע קאָמעדיאַנטקע. זי האַלט אין איין רעדן. צי מ'פאַרשטייט, אָדער מ'פאַרשטייט נישט, גייט זי נישט אָן. זי גיט אַ טראַסק אַרויף די בלאָטע, אַ פּאַטש אין הינטן — „פּיניטאַ לאַ קאָמעדיאַ“ און זי איז שוין נישטאָ.

בעת די לאָנדאָנער שוועסטער וואַרט איז זי דערוויל בודק די בעטן. זי גלעט אויס דאָס קישעלע וווּ איר שוועסטער דאַרף שלאָפן. זי לייגט אַריין דאָס עסנוואַרג אין פרירקאַסטן. די אַנדערע מתנות לייגט זי אויס אויפן בעט. אויפן טישל ביים פענצטער שטעלט זי אַוועק אַ פּאָר פרישע בלומען, אַ בוך וואָס זי האַלט אין

---

***

איך בין צו דיר אַצינד געקומען,
ווי ס'קומט אַ דאָרשטיקער צום קוואַל,
ס'האָט נאָך אַזוי פיל יאָרן שטומען
מיין האַרץ געטאָן צו דיר אַ פאַל.

איך וואָלט אַזוי פאַרוועלקט אין טרויער,
איך וואָלט אין בענקעניש פאַרדאַרט
ווען דו וואָלסט נאָר פאַר מיר דיין טויער
פון הימל דיינעם ניט צעפּראַלט.

וואָס דאַרף אַ דאָרשטיקער צום גומען?
דעם וואָגלער וואָס אין וואָגל פעלט?
איך בין אַהיים צו זיך געקומען,
מיין פוס ביי זיך איך האָב געשטעלט,

און ס'איז פאַר אַלץ וואָס כ'האָב פאַרלאָרן
ביי דיר פאַרגיטיקט מיר געוואָרן.

לייענען, דערנאָך זעצט זי זיך אַוועק וואַרטן.

דאָס וואַרטן איז ביי דער לאָנדאָנער אַ פאָרם פון פרייהייט. זי דאַרף נישט קיינעם אָפּגעבן קיין חשבון וואָס זי טוט מיט איר צייט. זי קאָן זיצן מיט די אויגן אָפענע, אָדער פאַרמאַכטע. זי קאָן טראַכטן פון אַלץ אָדער פון גאָרנישט און ניט פילן אַז זי פאַרשווענדט די צייט. זיצט זי און קוקט ווי די שקיעה שפּילט אויס אירע לעצטע שטראַלן אויפן נאָענטן באַרג. אַ פאַרנאַכטיקער אומעט שאַרט זיך פון באַרג אַרונטער צום שווים־באַסיין, וואָס איז איצט אין גאַנצן ליידיק. מענטשן עסן שוין אָוונט־ברויט. איר איז ליב דאָ צו זיצן, קוקן ווי ליכט און שאָטן ראַנגלען זיך און ווערן צו נישט. אַן אומגעזעענער פויגל ציקלט אויס אַן אָוונט סערענאַדע. זי טראַכט, אַז אין איר לעצטן בריוו וואָס איר שוועסטער האָט געשריבן, האָט זי אָנגעדייט אַז זי וועט אפשר קומען מיט אַ פריינד. זי האָט נישט געשריבן צי מיינט זי אַ פרוי אָדער אַ מאַן.

לעצטנס זענען אירע בריוו מער רעטעניש ווי אינפאָרמאַציע. זי פילט אַז מיט יעדן יאָר ווערט דער מהלך ווייטער, דער קלימאַט קילער. אַ מאָל איז די קאָרעספּאָנדענץ געווען אַ ספּאָנטאַנע. האָט זיך איינע פון זיי געלאָזט מאַכן אַ מאַנטל, האָט זי אין בריוו אויסגעברייעט די לענג און ברייט, צוגעלייגט אַ שטיקל שטאָף, זאָל די שוועסטער זען מיט די אייגענע אויגן, אָנטאַפּן מיט די אייגענע הענט. האָט מען זיך געגרייט איבערדעקאָרירן די וווינונג, האָט מען אָנגעפּיקעוועט די קאָנווערטן מיט מוסטערן פון פּאַפּיר און געוואַרט אַז די אַנדערע זאָל באַשטעטיקן וואָס די ערשטע האָט אויסגעקליבן. היינט זענען די בריוו קורץ. זיי זאָגן ווייניק און פאַרשטעלן אַ סך, דער עיקר די בריוו וואָס קומען פון בערלין. די קילקייט וואָס ווייעט פון יענער זייט, מאַכט די לאָנדאָנער שוועסטער טרויעריק. זי פילט, אַז די פעדעם רייסן זיך, נאָר דעם קנופּ וואָס האָט זיי פאַרצווילינגט, קאָן קיין שום כוח אין דער וועלט נישט איבעררייסן.

אין צימער טונקלט. אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט קריכט אַרויס פון די ווינקלען, זונדערט זי אָפּ פון דער איצטיקייט. זי איז אַלע מאָל געווען די עלטערע שוועסטער, מיט אַ גאַנצער שעה עלטער פאַר דער בערלינער. וואָס אַזוינס האָט פּאַסירט אין ווייטערע ירחי לידה שעה, וואָס האָט זיי געמאַכט אַזוי גורלדיק אַנדערש? די אומגעריכטע פראַגע וואָס איז אַזוי פלוצים אויפגעשווימען, בויערט לעכער אין איר מוח. איז עס מעגלעך אַז די איינציקע שעה האָט געשפּילט אַזאַ דעצידירנדיקע ראָלע? האָט דעם טאַטנס כאַראַקטער גענומען אין דער לעצטער שעה די אויבערהאַנט און פאַראורזאַכט אַ ווייבערישע ווערסיע אויפן אַמאָליקן ויתרוצצו?

ניין, דאָס איז אַן אַבסורד. אין דער לעצטער שעה איז דער עמבריאָן אַ פאַרטיקער מענטש. אַלץ וואָס די לעצטע שעה קאָן טאָן — איז פאַרלענגערן דער קימפּעטאָרינס יסורים.

די היטלער מגפה האָט בלי ספק זי אַריינגעפירט אין דעם זומפּ אין וועלכן זי איז געבליבן שטעקן. אָבער שוין פריער, אַ סך יאָרן פריער, האָט שוין איר יונגערע שוועסטער פאַרמאָגט אַלע אַטריבוטן זיך דורכצושטופּן דורכן אויער פון אַ נאָדל און אַרויסקומען גאַנץ. גאַנץ? פרעגט זי זיך. ווי אַזוי קאָן מען אַרויסקומען פון אַ פייער וואָס האָט געברענט גאַנצע 4 יאָר און בלייבן אומבאַשעדיקט?

אמת, נאָך אַלס קינד איז זי, טייבעלע, געווען די נאָכשלעפּערין, ווייל ראָזעס פריינדשאַפט האָבן אַלע געזוכט. אויב ס'האָבן אַ מאָל עקזיסטירט כישוף־מאַכערינס, איז ראָזע מסתמא די לעצטע פון דעם מין. זי האָט געקאָנט וואַרפן דעם באַלעם אין קעגנערס פעלד און אַרויסקומען אַ זיגער. פריער די קינדער, שפּעטער די לערערס. אַלע זענען געפאַלן פאַר איר צויבער. זי, טייבעלע האָט געהאָרעוועט איבער דער היים־אַרבעט. ראָזע האָט איבערגעשריבן און אויסגענומען. אפילו אין לאַגער האָט זי געפונען וועגן ווי אַזוי אַריינצושמוגלען אַ שטיקל ברויט. אָפט מאָל האָט אַזאַ פענעץ ברויט דעצידירט צווישן טויט און לעבן.

אין לאַגער האָט קיינער נישט געפרעגט ווי אַזוי, אָדער פון וואַנען? אַלע וועגן זענען געווען כשר אויפצוהאַלטן דאָס חיות פון אַ העפטלינג. זוכן סטעזשקעס אין

טיפע בלאָטעס איז געוואָרן ראָזעס צווייטע נאַטור. נאָך דער באַפרייונג, ווען די שארית הפליטה האָבן זיך אָפּגעפּאַרט, אָבל מיט אָבל. איינער אויפן צווייטן האָט זיך אָנגעשפּאַרט ווי אַ פעסטונג קעגן דער פיינטלעכער וועלט, דעמאָלט האָט זיך ראָזע איינגעשפּאַרט, אַז זי פאָרט קיין דייטשלאַנד.

„וואָס עפּעס דייטשלאַנד? פון אַלע לענדער איבער דער וועלט האָסטו דווקא אויסגעקליבן דייטשלאַנד?"

„איך האָב אַ סיבה."

„וואָס איז די סיבה?"

„דאָס איז פּערזענלעך."

„אַזוי גאָר?"

„יה."

טייבעלע געדענקט דאָס פיינלעכע שווייגן וואָס האָט זיך נאָך דער קאָנווערזאַציע איינגעשטעלט. זי האָט לאַנג געטראַכט און איבערגעטראַכט. „ווייסטו וואָס — האָט זי ענדלעך געזאָגט — "דו לאָז אָפּ דייטשלאַנד און איך וועל אָפּלאָזן דעם שידוך. איך וויס אַז דיר געפעלט נישט מיין אָפּקלייב. מיר וועלן ביידע פאָרן קיין ישראל. מיר וועלן אַרבעטן אין אַ קיבוץ, אַזוי ווי מיר האָבן אַ מאָל געחלומט."

„דו קאָנסט אָפּלאָזן דעם שידוך. קאָנסט פאָרן קיין ישראל, נאָר נישט מיט מיר. איך פאָר קיין דייטשלאַנד."

ראָזע האָט קיין סוד נישט געמאַכט פון איר ווידערווילן צום שידוך. „מיר זענען טאָקע צווילינג־שוועסטער, האָט זי געזאָגט, אָבער לעבן, לעבן מיר אויף צוויי באַזונדערע פּלאַנעטן. דו האָסט אויסגעקליבן אַ חתן פון אַן אַנדער יאָרהונדערט. ער האַלט די אויגן אַרויף צום הימל. ער זעט נישט דעם היינט. ער קלאָגט נאָך אַלץ אויפן חורבן בית־המקדש. ער קלאַפּט זיך על־חטא און גלייבט אַז מיטן קלאַפּ אין האַרצן זענען זיינע התחייבות געענדיקט. ' איך וואָלט וועלן וויסן פאַר וועמענס זינד ער קלאַפּט זיך על־חטא, פאַר דעם מערדערס, אָדער פאַר דעם דערמאָרדעטן?"

„פאַר דיינע!" וויל איר טייבעלע ענטפערן, נאָר זאָגן זאָגט זי גאָרנישט. זי וואָלט איר געוואָלט זאָגן, אַז אויך זי פילט זיך צו קלאַפּן אין האַרצן, רייניקן איר געוויסן פאַר שלונגען אַזוי גיריק אַ ביסל זופּ פון אַ שקאַרמיצל, פאַר קוויקן זיך מיט אַ זעלטענעם איי, מיט אַ געבראָטענער קאַרטאָפל — און ניט געוואַגט צו פרעגן וועלכער „קוקאַרזש" האָט אויסגעגאָסן זיין „פּשאַ־יוכאַ" אויף איר ווייסן לייב. אין לאַגער האָבן עבירות נישט עקזיסטירט. יעדע זינד וואָס האָט מחיה־מתים געווען אַ נפש, האָט געהאַט איר אייגענע באַרעכטיקונג.

ביידע שוועסטערס זענען אָנגעגאַנגען פאַר פּאַליאַטשקעס. יאַדזשאַ, ווי ראָזאַ האָט דאָרט געהייסן, האָט געאַרבעט אין קיך. די פּוילישע העפטלינגע, לויטן פּוילישן שטייגער, האָבן אָנגעהאַלטן זייער פאַרביסענעם האַס, ווי אַ מחיצה קעגן די זשידעס. יאַדזשאַן האָבן זיי לויט איר שפּראַך און אויסזען אַריינגענומען אין זייער קרייז אָן שום ווייטערער אויספאָרשונג. זי, „בראַניען" האָט מען ווי נישט געזען. אייצט זוכט טייבעלע אַ רויק לעבן. זי וויל פאַרגעסן דעם וואָס געווען. זי וויל ווערן אַ נאָרמאַלער מענטש, אויב דאָס איז מעגלעך. ' אין דער אַזוי גערופענער פרייער וועלט פרעגן מענטשן אָפּ די סאַמע ראַדנע עקזיסטענץ פון לעבן, פון גלויבן, פון פרייען ווילן, פון גאָט אַליין.

זיצט זי אַזוי די לאַנדאַנער שוועסטער און טראַכט. זי טראַכט אַהין און צוריק. זי טראַכט, אַז פון אַלע פייניקונגען, יסורים און עינויים, דערנידעריגונגען, אַנטמענטשונגען, האָבן אויף איר שוועסטער אַזוי שטאַרק נישט געווירקט, ווי ווען דער טאַטע האָט געריניקט אַן אַפּטריט מיט די הוילע הענט. אָנגעהויבן האָט זיך עס ווי אַ ווויסטער וויץ. ס'איז געשען באַלד די ערשטע וואָך פון דער דייטשער איינוואַזיע. דער טאַטע איז געגאַנגען דאַווענען מינחה־מעריב, ווען צוויי ברוינע מונדירן מיט שוואַרצע האַקנקרייץ אויף די אָרעמס, האָבן אים פאַרהאַלטן. זיי האָבן אים צוגעפירט צו אַן אָפענעם גרוב, וואָס מענטשן האָבן גענוצט פאַר זייערע פיזישע באַדערפענישן.

„וואָס איז דאָס?" האָבן זיי אים געפרעגט.

„דאָס איז מענטשלעכער אָפּפאַל.״ האָט דער טאַטע געענטפערט.

„דאָס איז שייסע, יודע, יודישע שייסע. זאָג שייסע!״ האָבן זיי באַפוילן.

דער טאַטע האָט נאָכגעזאָגט.

„איצט רייניק עס אָפּ, דו שמוציקער יודע.״

„איך האָב נישט מיט וואָס, הער קאָ־מאַנדאַנט.״

„וואָס הייסט מיט וואָס? האָסט צוויי הענט, רייניק!״

דער טאַטע האָט פּראָטעסטירט: „אַזאַ שמוץ דאַרף מען מיט נאַפּט באַגיסן און דערנאָך מיט ערד פאַרשיטן.״

„איך זאָג, רייניק!״

דער טאַטע רירט זיך נישט פון אָרט.

„איר מיינט עס ניט, הער קאָמאַנדאַנט. דאָס איז דאָך קעגן מענטשלעכן איינ־שטעל. דערלויבט מיר צו ברענגען אַ לאָפּעטע און אפשר עמעצן מיר צו העלפן אין דער אַרבעט.״

„איך האָב געזאָגט, מיט די הוילע הענט. פאַרשטייסט דו מיך יודע, מיט די הוילע הענט!״

דער טאַטע מאַכט נישט קיין באַוועגונג.

„דו וואַגסט זיך קעגנשטעלן אַ דייטשן אָפיציר?״

„איך שטעל זיך נישט אַנטקעגן. איך פאַרלאַנג בלויז מענטשלעכן איינזען.״

„נו גוט, דו וועסט האָבן איינזען.״ ער האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן צו זיין אַדיו־טאַנט. יעדער איז אַריין אין שול און באַלד צוריקגעקומען מיט צען יידן.

„זעסט די צען צעשראָקענע הערינג־קעפּ, איך גיב דיר זעכציק סעקונדן, קוים טוס־טו נישט ווי איך האָב דיר באַפוילן, ליגן זיי באַלד טויט, און דו שטרויענער העלד וועסט זיי באַגראָבן, און מיט דער שייסע זיי צודעקן.

דער טאַטע, בדרך הטבע אַ גרויסער מפונק, האָט זיך אַראָפּגעבויגן צום עיפּוש. ניט אויס שרעק פאַר זיין לעבן, נאָר די לעבנס פון צען יידן האָט ער נישט גע־וואָלט איינשטעלן אין קאָן.

דער פאַל מיטן טאַטן האָט געלאָזט אַ ריס אין ראָזעס נשמה. זי איז געווען דעם טאַטנס טאָכטער, דאָס עפּעלע אין זיין אויג. זי, טייבעלע, האָט זיך מער געטור־ליעט צו דער מאַמען. דער ריס אין ראָזעס זעכצן־יעריקער נשמה האָט זיך נישט געלאָזט היילן. זי איז געוואָרן סטאַיש סיי צום לעבן, סיי צום טויט. די שפּעטערדיקע הריגות, נגושות, דערני־דערונגען, האָבן זי שוין אַזוי שטאַרק נישט גערירט. טראַכטנדיק פון יענעם ווייטן אינצידענט, האָט טייבעלע פאַר־שטאַנען פאַרוואָס איר שוועסטער האָט געמוזט גיין קיין דייטשלאַנד? זי איז גע־גאַנגען אויסברענען איר וווּנד מיט דער־נידערונג, פאַר דערנידערונג.

מענטשן וואָס זענען געקומען פון בער־לין האָבן געבראַכט אומגעבעטענע גרוסן: ראָזאַ לעבט מיט אַן אונטערוועלט־יונג. זיי פירן אַ האַנדל מיט גנבישער סחורה. שוין מער ווי איין מאָל געווען אַנגעקלאָגט אין געריכט. אַנדערע האָבן דערציילט, אַז די זאַכן מיט וועלכע זי האַנדלט זענען אויסשליסלעך צוגערויבט יידיש פאַרמעגן וואָס דייטשן האָבן איבערגעשיקט צו זיך אַהיים. זי פאַרבינדט זיך מיט די דינסטן וואָס אַרבעטן אין זייערע היימען, דערנאָך צווינגען זיי די בעלי־בתים אָפּצוגעבן די צוגערויבטע חפצים: די שיין אויסגראַ־ווירטע בשמים־ביקסלעך, די חנוכה־לאָמפּן, די לייכטער, די ספרים, די קרוי־נען פון ספר־תורות. טייבעלע האָט קיין קשיות נישט געפרעגט. פאַר איר איז גענוג געווען אַ ביט ווילנדיק וואָרט, וואָס רייסט זיך אַ מאָל דורך דער קאָנטראָלע, און הייבט אָן זוכן אַ פאַרענטפערונג וואָס פלאָנטערט זיך ווי די פיס פון אַ שיכור אויפן וועג אַהיים.

טייבעלעס מאַן האַלט אַז ראָזאַ איז טומ־אה, מ׳טאָר זי אין אַ יידיש הויז ביט אַריינ־לאָזן. ער וויל נישט זען איר שאָטן אונ־טער זיין דאַך. ער וויל נישט אָטעמען די לופט אין איין הויז מיט איר. ער וויל נישט זי זאָל אָנרירן זיינע קינדער. זי איז אַ מכשפה, און די גמרא זאָגט: מכשפה לא תחיה. טייבעלע באַטראַכט איר שוועס־טער ווי אַ למד־וואָווניק אין ווייבלעכער געשטאַלט. זי שטעלט איין איר לעבן פאַרן כבוד פון איר טויטן טאַטן, און אפשר אויך פאַר איר אויסגעהרגעט פאָלק. זי האָט עס געטאָן אין געפאַנגענשאַפט און טוט עס איצט אויף דער פריי. דער

טאַטע האָט מקריב געווען זיין מענטשלעכע ווערדע, כדי צו ראַטעווען צען יידישע לעבנס. ער האָט שפּעטער געזאָגט, אַז ער וואָלט ליבערשט געווען אָנגענומען צען מאָל חיבוט הקבר איידער אויסצופירן דעם ווילדן באַפעל.

אויך דאָ ביים פענצטער, איינגעהילט אין שלווהדיקער רו, קומען טרערן אין אירע אויגן. זי דערמאָנט זיך אין די קינדער־יאָרן, בייגט זי זיך אַראָפּ צו די צוויי קליינע מיידעלעך, וואָס לויפן באָרוועסע אַרום אין דרויסן. זי קושט די ערד אויף וועלכער זיי האָבן געטראָטן. זי קושט דעם הימל, די גרינע סאָסנע־ביימער, דעם בלויען דעמער, די אומשולדיקע נאַטור. זי דערמאָנט זיך אויך די די לאַנגע ווינטער־נעכט. דער דרויסן שוואַרץ, אין שטוב איז ליכטיק. אין אָפענעם קאַמין ברענט אַ פייער. די מאַמע קאָכט וואַרעניקעס. דער טאַטע קוקט אַריין אין אַ ספר. זיי, די מיידעלעך פאָרען זיך ביים לאָקשנברעט. ס'איז חנוכה. געסט קומען זיי ברענגען מתנות. דער טיש איז געדעקט. דער בליצלאָמפּ שלינגט די שאָטנס איין. מען עסט. מען לאַכט. אויך זי עסט. זי בייסט איין דעם ערשטן וואַרעניק. פעדערן פליען פאַר די אויגן. די ציין בלייבן שטעקן אין אַ געמיש פון קלייען, פעפער און זאַלץ. אַלע לאַכן. ווער עס בייסט איין דעם געפעלשטן וואַרעניק — איז דער נאַר פונעם אָוונט.

אַ גאַנצע נאַכט האָט זי דעמאָלט געוויינט. עס האָט זי פאַרדראָסן פאַרוואָס עס האָט געטראָפן זי, און ניט ראָזען. איצט בייגט זי זיך מיט ליבשאַפט איבער יענער סצענע. זי פרוווט אַריינדרינגען אויף איין רגע כאָטש אין דער פאַסטאָראַלער גליקזעליקייט פון יענער קיינמאָל מער ווינטער נאַכט.

איצט טראַכט טייבעלע וואָלט זי וועלן טיילן די דערמאָנונג מיט איר שוועסטער. אפשר וואָלטן ביידע געלאַכט. נאָר ווייל ראָזע איז נאָך אַלץ נישטאָ, דרייט זי אָן די טעלעוויזיע. דער פלאָטקע־מאַכער, וואָס אינפאָרמירט זיינע צוהערער מיט אַלע אויסטערלישע געשעענישן, האָט צוגעזאָגט צו ווייזן עפּעס אַזוינס וואָס האָט נאָך פריער קיינמאָל נישט פּאַסירט. אַ הויכער אָנגעשטעלטער אין דייטשן פאָלקסראַט האָט געריייניקט מענטשלעכע צואה מיט די נאַקעטע הענט. ס'הייסט, אַז ער איז שאַנטאַזשירט געוואָרן פון אַ יידישער פרוי מיטן נאָמען ראָזאַ קאַרנאָווסקי. עפּעס האָט זי וועגן אים געוווסט, וואָס אַנדערע האַרפן וועגן דעם נישט וויסן. צוגעשטופּט צו דער וואַנט, האָט ער באין ברירה איר פאַרלאַנג אויסגעפירט. ער האָט שפּעטער דערקלערט אַז ער איז געווען אונטערן איינפלוס פון קאָקאַין און נישט באַנומען וואָס ער טוט.

די פרוי קאַרנאָווסקי, וואָס פירט אָן מיט דער קנייפּע „צום רויטן מלאך", האָט דערקלערט, אַז פאַר דער עפנטלעכקייט האָט זי גאָרנישט וואָס צו דערקלערן. דאָס איז אַ מעשה פאַרן געריכט.

(יולי 1984)

מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים

בעטן מיר אַלעמען צו ווענדן זיך צו אונדזער פינאַנץ־סעקרעטאַר:

G. FRYDMAN

פאַרוואַלטונג „חשבון"

Phone: 655-1292

337½ North Hayworth Ave. • Los Angeles, Calif. 90048

חנן קיעל / ניו־יאָרק

# ירושלים לידער

## 1. ירושלים

פון מײַנע טיפענישן אַן אָדע זינג איך דיר,
למנצח בנגינות מזמור שיר.

צו דײַנע בערג וואָס רינגלען מיך אַרום,
צו מײַן אייניקל אין שבת־טיכעלע פֿאַרפֿרומט.

מיט יאָרן האַרבסטיקע, שלאַבעריק, פֿאַרזאַמט
איך שלעפּ זיך דאָ אין בריענדיקן זאַמד.

אײַנגעגנורעט, אין רחמימדיקן טויער
זיצט דער זיידע מיטן אָפּגעבליאַקעוועטן זוהר.

מוטנע גיחון־פֿאַליעס דאַוונען שוין אַשרי,
מײַן מאַמעס צער קומט אַהער צו תשליך.

מײַן טאַטנס לעצט געוויין — אוי שמעו שמים,
אַ פֿייער־תּפֿילה איז ירושלים.

פֿידל־סטרונעס ווי נערוון אָנגעשפּאַנט,
טרערן־ליכט צעשטראַלטע אויפֿן וואַנט.

באַר היינט אין די צעווימלטע גערדענגטע האַליעס
מיט פֿאָעטן זינג איג איך שיר המעלות.

אויפֿן ציון־באַרג איך הער דעם ווידערקול
פֿון געטער אײַנגעזונקענע אין קידרון־טאָל.

אין אַרגיע־טאַנץ פֿאַגאַנישע, אוראַלטע,
יבוסים גליווערן אין בריענדיקע שפּאַלטן.

עיר דוד פֿאַלמעס־גרין צעקאַמטע פּעכער
שלאָפֿנדיק זיך הוידן איבער דעכער.

דער הימל אין פֿלאַמען — בין הערבים,
אַ פֿייער־געזאַנג איז ירושלים.

## 2. מאה שערים

דער טאָג פאַרגייט — אַ רויטער פלאַם,
מאה שערים אין אַ מידן פאַרנאַכט,
גאַסן פון קומיר און אַמסטערדאַם,
עכער — שקיעהדיק פאַרט, אַכט.

שטריימלעך, פריצישע כאַלאַטן,
אין סאַטמאַר יחוס — איינגעהילט,
פנימער שטראַלנדיקע זאַטע,
געסלעך שמאָלע — אָנגעגליט.

ייִנגלעך פליען אַהיים פון חדר,
צעיאַכמערטע אין ווייסע זאָקן,
אַ קליינע ניצול־געוואָרענע עדה,
אין טלית־קטן און פאות־לאָקן.

תנו רבנן, איך בוידעם־שטיבל
הונגעריק נאָך דער ניגון ברענט,
פענצטער — נעפלדיקע, טריבע,
בלויע פליגן אויף טוכלע ווענט.

איבער אַ גמרא בחורים צאַרטע —
רבא קריגט זיך מיט אַביין,
דער טאָג פאַרגייט — נטורי קרתא
נאַכט וויגט אין ירושלים.

אָפּגעבליאַקעט, אָפּגעריבן
ס'וויאַנען פאַרמעטענע בלעטער,
נאָר היימיש איז מיר דאָך געבליבן
מאַמע־לשון אין פרומען געטאָ.

## 3. הר מנוחות

מיין ברודער חיים — לזכר

אין טריבן פאַרגיין פון דור
האָבן זיינע מידע וואָגל־יאָרן
מיט אַלע שטיפערישע רגעס און געוויינען
אים אַרויפבאַגלייט צום פעלזיקן שטיין
פון אין־סופיקן אַליין.

ווינקלדיק מיט דער חברותא שווייַגער
זיין נאָמען איינגעקריצט אין פרום געלויב
גן־עדן פייגל
קלייבן פינק־חשבונותלעך ווי שטויב.

אין פעלד שלאָפן די ברוגזן און צערן
אויף צווייגן־הוידלקעס —
יונג פאַרליבטע טעג
מזמורים צו די אויפגעבליצטע שטערן
און אָפּגעפידלטן פאַרמעג.

פון בינשטאָק איז דער האָניק אויסגערינען,
צעפלויגן זיינען זיך די גאָלדענע בינען,
געבליבן איז דער קלאַנג פון אַ ניט־פאַרענדיקט ליד
און די כ ל נ י ו ת רויטע וואָס האָבן זיך צעבליט.

ד״ר יעקב י. מייטליס / לאָנדאָן

# מיין מגילת פּוילן — אַ נסיעה אַהיים נאָכן חורבן

(אַ קאַפּיטל זכרונות)

.2

אין דער פּרשה פון טראַגישן לך־לך פון יידישן פאָלק ווי אַ מוראדיקער בראַנד־אָפּער אויף די צעפּייערטע מזבחות פון גרויליקן אומקום איז אוישוויץ געווען איינע פון די אומצאָליקע סטאַציעס פון אַ טאָטאַלער פאַרטיליקונג אויף דעם שאָטנדיק־־פאַרקלעמטן באָדן פון מדינת פּוילן, וואָס איז מיר כסדר נאָכגעגאַנגען און נישט דערלאָזט קיין רו. איך האָב זיך נאָך געזען פאַר מיינע אויגן ווי אין זומערדיקן ליכט פון תשעה באב 1947 נאָך געשטאַנען אויף דעם ריזיקן לאַגער־פּלאַץ די פאַרשטומטע און פאַרלאָשענע עדות פון פּיין און מאָרד די ווייט־צע־צווייגטע באַראַקן מיט זייער מוזעאַלן איבערבלייבעניש פון לעצטן פאַראָרעמטן ווייט דערפון אָפּגערוקט די סאָליד טעכ־ניש געבויטע גאַז־קאַמערן מיט זייער פון נישט געבויטע גאַז־מערן מיט זייער פון רויך פאַרגליווערטע קוימענס, וואָס האָט אַלעמען לעבעדיקערהייט פאַרשלונגען.

אין דער לופט האָט מען נאָך געפילט דעם איבלדיקן ריח פון פאַרברענטע מענטשלעכע קרבנות. אין דער פאַר־שטאַרטער שטילקייט פון טאָג האָט מען געזען אויף דעם בלוטיקן באָדן פריש־אַרויסגעשפּראָצטע ווילדע גראָז, ווי די געשענדעטע נאַטור ווי מיט אַלע כוחות פאַרדעקן די גרויליקע מעשים פון מענטשלעכן מין. עס איז געווען אַן אויפ־טרייסלענדיק בילד פאַר דעם פאַרקלעמטן נפש פון דעם צעווייטאָגטן אָנקוקער. דערצו זענען דאָך די יחידים געראַטע־ווועטע מיט די איינגעקאַרבטע נומערן אויף זייערע הענט, לעבעדיקע עדות פון די נאַצישע אַכזריותן און גרויליקער פּיין.

הערט מען אין שטוב און אויף דער גאַס ווו מען טרעפט מיט אַן אָפּגעראַטעוועטן יידן פון זיינע אויפציטערנדיקע איבער־לעבענישן און עינויים, וואָס לעבט נאָך ווי אַ מאַקאַברישער שאָטן אין אַן עולם־התוהודיקער וועלט; אומזיכערע חצות־דיקע געשטאַלטן, וואָס קענען נישט קו־

## 4. אין חושך גרוב

וווי יוסף כ׳זינק אין חושך־גרוב
פון ברידער לייבלעכע געפאַנגען,
שפּינגעוועב אויף טונקלע ווענט,
עקישן און שלאַנגען.

פון גרוב — אַ גאַנצער כ׳וועל אַרויס
פון גיפטן ניט צעביסן,
נאָר מיינע ברידער וועט דער סם
צעבריען דאָס געוויסן.

זיי האָבן מיך פאַרמיסחרט
פאַר אַ ביסל זילבערמינץ,
ניט קיין קנעכט ציט אין דער מדבר
נאָר אַן עברי־פּרינץ.

מיטן קאַראַוואַן איך שלעפּ זיך
ווי אַ רינד געבונדן,
אין שקיעה־פעלד די סטאַדע גאַפּט
ביז כ׳ווער אין בלוי פאַרשוווּנדן.

אַ יינגל בעט אין הייסן ווינט
מיט רחמימדיקע בליקן,
יאָרן קענען ניט ס׳געווין
פאַרטויבט און דערשטיקן.

ווי יוסף כ׳וואָגל איבער
ווייט־פאַרוואָרפענע מקומות
און ווו איך קום, איך שלעפּ מיט זיך
אַ טאָרבע מיט חלומות.

מען צו קיין רו. מען ווייסט ממש נישט ווו זיך אַהינצוטאָן און ווי אַזוי אַרויס פון דער ניי־געשאַפענער ענגשאַפט.

אַ פאַרדאגעטער און אַן אויפּעציטערטער לאָז איך מיך אויף מיין וויטערדיקער נסיעה איבער די פויליש־יידישע שטעט און שטעטלעך פון אַמאָל. עס אַזוי מיין לך־לך גאַנג איבער די פאַרחרובטע יידישע ישובים און זיך פּרוּוון מייַחד זיין מיט דעם פאַרבליבענעם שארית הפליטה, מיט איר לעבן און אויפגעקומענע סאָציאַל־פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. ווי אומעטום אין די באַפרייטע מיזרח־געביטן דאָמינירט די וואַכיקע מאָסקווער אידעאָלאָגישע ליניע, און לעת עתה ווייסט מען נאָך נישט צו וואָס דאָס וועט דערפירן.

יידן מיט זייער איינגעבוירענעם היסטאָרישן חוש זענען פאַרדאגהט. מען פילט אין דער לופט די אומרו און אומזיכערקייט, הגם עס איז דערווייל אַ קאַפּעלע יום־טובדיקייט אויף דער גאַס. די פּאָליטישע בעל־דרשערס און אַ ריי נאמנותדיקע עסקנים טוען זייער אַרבעט, אַז דער פאַרבליבענער יישוב זאָל פאָרט האָבן אַ שטיקל קיום. פון דעסטוועגן זענען די ספקות גרויס און מען פרעגט זיך, צי וועט זיין מעגלעך צו באַנייען און אויפהאַלטן אַ פרישן און איינגעפונדעוועט יידיש לעבן אויף דער פאַרחרובטער פּוילישער ערד מיט די אָפּגעשוואַכטע און געפלאָגטע כוחות, בפרט אין דעם איצטיקן אומזיכערן מצב. אַ רוב יידן זיצן אויף זייערע טשעמאָדאַנעס און ווילן אַוועק כל זמן עס לאָזט זיך נאָך.

מיט אַ פאַראומערט געפיל און נאָגנדיקע מחשבות קום איך אָן קיין וואַרשע, דעם אַמאָליקן גרויסן און צעשיינטן צענטער פון דער פּוילישער יידישקייט מיט איר נאַציאָנאַל־סאָציאַלן און וואָגיקן קולטור פאַרמעסט. באַלד דערפילט מען דעם פאַראַנענעם בלויז מיט די באַשיימפּערלעכע אומרו און צעטראָגנקייט אין דעם יידישלעכן אַרום. פאַראַן סימנים אין געוויסע קרייזן פון אַ שוואַכער קאָנסאָלידאַציע, אָבער באַוואָרנטע יידן זענען מסופק צי דער פּראָוויזאָרישער מצב וועט פירן צו אַ טאָטאַלער באַנייאונג און קיום פון אַ נאַציאָנאַל אייגנדיק יידישלעך לעבן.

גייט מען אַרויס אויף די אַמאָל געדיכט באַפעלקערטע לעבעדיקע און רוישיקע יידישע גאַסן, שאָטענען זיי איצט מיט חורבן און חשכות. אַ חצות־שטימונג און אַ טויטע שטילקייט הערשט אין דעם אויסגעליידיקטן אַרום. יעדער פונק פון מענטשלעך לעבן איז אויסגעלאָשן. אַלץ איז פאַרשרפעט און פאַרטשאַדעט נאָך דער אימהדיקער פאַרטיליקונג. אַמאָליקע פיל־שטאָקיקע הייזער מיט זייערע הויפן שטייען צעשאָסן און אויסגעברענט. פון די פאַרבליבענע לעכער קוקן אַרויס פינצטערע, טויטע אויגן, וואָס וואַרפן אָן אַ פחד און אַ מורא. דאָ און דאָרט הענגט נאָך אַ שטיק פאַרקוילטע וואַנט פון אַן אָפיצינע, וואָס זעט אויס ווי אַ קראַנקער צאָן אין אַן אָנצייניק מויל. די איינצלנע פאַר בליבענע הייזער שטייען פאַראָבלטע און צעשלאָגענע, און קוקן אויס ווי קלייבע, נישטיקע אינדזעלעך אין אַ פאַרלוירנטן צעשוימטן ים. אָפּגעמעקט איז יעדער אָנצייכעניש פון אַ מאָל האַסטיקן און קוואַליקן לעבן.

צוזאַמען מיט די שטאַלטיקע הייזער און הויפן זענען אויך געוואָרן אָפּגעמעקט ביזן דנאָ יידישע קראָמען און מיסחר־קאָנטאָרן, קאַפע־הייזער און רעסטאָראַנען וואָס האָבן געהאַט אין וואַרשע אַ שם מיט זייערע היימישע באַטעמטע מאכלים און געטראַנקען. אַוועק זענען אויך יידישע פאַרלאַגן און צייטונגען, לערן־אינסטיטוטן און שולעס, ישיבות, בית־מדרשן און שטיבלעך מיט זייערע לומדים און חסידים, קלובן און פאַריינען, קולטור־געזעלשאַפטן, ווו עס פלעגן זיך צונויפקומען קינסטלערס און שרייבערס, גדולים אין תורה און חכמה, יידישע טעאַטערן און פאַרזאַמל־לאָקאַלן פון פאַרטייען און אַ געטרייען עולם יידן פון אַ גאַנץ יאָר — דאָס אַלעס איז אַוועק מיט מיתות שונות און אין רויך פון די אויסטערלישע גאַז־קאַמערן.

דער חורבן איז געווען אַ טאָטאַלער און אייביקער אָנדענק פון דער מוראדיקער פאַרניכטונג דורך די נאַצישע רוצחים און זייער סיסטעמאַטישער ליקווידאַציע פון דעם רוב מנין און בנין פון

דער פּוילישער ייִדישקייט. דער איינציקער זכר (זייכער) וואָס איז פאַרבליבן נאָך די מעשים תעתועים זענען בלויז די פאַרחושכטע גאַסן אין געטאָ וואָס מען דערקענט קוים, און די אויסגעטראָטענע סטעזשקעס פול מיט לעכער, באַדעקט מיט אָנגעוואָרפענע ציגל, מיט מיסט און אַש, און צוביסלעך פאַרוואַקסן מיט ווילד גראָז, ממש נישט אַדורכצוליין. אין זכרון פון פאָלק וועט אָבער ווייטער לעבן דער העלדישער געטאָ־אויפשטאַנד פון יאָר 1943 פון די שטאָלצע, גבורהדיקע קעמפערס און פאַרטיידיקערס פון פאַרשוועכטן ייִדישן כבוד.

אַ פאַרקלעמטער גיי איך אַוועק פון דער געטאָ־מפּולת, לעצטנס באַשיינט מיט אַן אויפגעשטעלטן דענקמאָל פאַר די געפאַלענע פרייהייט־קעמפערס, פאַרקערעווע איך מיך אויף דער שיענאַ גאַס צו דעם פאַרנעמיקן בנין וואָס איז דער זיץ פון דעם ייִדישן צענטראַל־קאָמיטעט, דער אויספיר־אָרגאַן פון דער פאַרבליבענער ייִדישקייט אין פּוילן. אויב עס וואָלט געווען אַ קאַפּעלע פרייִלעכער אויפן האַרץ וואָלט מען געקענט מאַכן אַן אמתן שהחינו אויף דעם באַנייטן, פאַרשוואַנגערטן אָנהייב און אַ געהעריקער קאָנסאָלידאַציע פון אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישן יישוב ייִדן און האַלטן אַז עס איז אַ וואָגיק ייִדישער מיניסטעריום מיט אַלע זיינע דעפּאַרטאַמענטן און דירעקטאָרן, אַ גרויסע צאָל אַחריותדיקע עסקנים און מיטאַרבעטערס וואָס גייען אָן נאמנותדיק מיט אַלע ענינים און הצטרכותן, סיי פּאָליטיש־נאַציאָנאַל און סיי קולטורעל פון דער שארית הפּליטה.

אין די ביוראָען און לאָקאַלן איז די יאָגעניש גרויס. ייִדן קומען אַריין און גייען ווידער אַוועק, עס איז לעבעדיק און הילכיק אין די פאַרשיידענע קאַנצעלאַריעס ווו טוערס און אָנגעשטעלטע פּרווון צו העלפן און באַפרידיקן די אַפּליקאַנטן. דער איינדרוק איז גוט; אָבער דאָס פאַרדאגהטע געמיט טראַכט צי איז דאָס נישט בלויז אַ דערוויילִיקער איבערגאַנג, ווי וועט דאָס ווייטער אָנגיין און וואָס וועט זיך דערפון אויסלאָזן. רעדט מען מיט פאַראַנטוואָרטלעכע עסקנים זענען זיי האָפערדיק און טוען זייער אַרבעט בשלמות, אָבער אויף דער גאַס הערט מען אָפט אַ שטיל־ספקותדיקן טאָן אין זייערע רייד. ייִדן לאָזן זיך נישט לייכט אָפּנאַרן זיי ווייסן וואָס עס טוט זיך מאחורי הפּרגוד. זיי ווייסן אַז דער אידעאָלאָגיש־געשטעמפּלטער לאָזעבניק איז דער גאַנצער בעל־דעה, און אפשר גאָר דער דאָמינאַנטער פּאָליטישער כוח אין דעם אָנפיר־קאָמיטעט ווי זיין גענעראַל־סעקרעטאַר. די ליניע איז אַ קלאָרע, היינט, וואָס איז דאָ צו דערוואַרטן?

לאָזט מען זיך אַרויס איבער די שטאָטישע גאַסן און מען דערזעט אַ חנעוודיקע באַטעמטע ייִנגערע פרוי מיט אַ האַלב־פאַראומערט חנדל אויף אירע ליפּן, פרעגט מען זיך ווער איז זי? האָבן אַזוי אויסגעזען אונדזערע באַחנטעע, שיין־געוואַקסענע ייִדישע טעכטער אין זייער צירלעך, פלינקן גאַנג איבער די רוישיקע און טומלדיקע וואַרשעווער גאַסן? היינט זאָגן די האַלב־דערשלאָגענע, שאָטנדיקע פּנימער עדות פון אַ באַהאַלטענער אומזיכערקייט און אומרו פון וואָס עס איז שווער זיך באַפרייען. טרעפט זיך אויך אַז מען באַמערקט פאַרבייגיין אַ פרוי מיט אַן אָנזעעוודיקן גרויסן צלם אויף איר האַלב־דעקאָלטירטע ברוסט, אַ סימן מובהק פון אַ פאַרצווייפלטער און זיך ראַנגלענדיקער בת־ישראל, וואָס איז מיטן צייכן פון געקרייציקטן ניצול געוואָרן פון אומקום.

האָבן מיר היינט אַ רעכט צו מישפטן אַ פאַריסורימט ייִדיש נפש, וואָס האָט נישט געהאַט גענוג כוח צו ליידן און גיין אויף קידוש השם, און איר מענטשלעכער שוואַכקייט געוואָלט ראַטעווען איר נאַקעט לעבן אין אַ צייט פון גזירות און פאַרטיליקונג? ייִדישע געשיכטע האָט נישט איינמאָל געהאַט אויפצעווייזן דערשלאָגענע און אָנמאַכטיקע ייִדן אין אַן עת־צרה. אַזוי האָט שוין פון תמיד אויסגעזען דער טראַגישער לך־לך פון פאָלק ישראל אין אַ צייט פון גרויס פּיין און אומגליק. עס איז געווען אַ טראַומאַטיש־היסטאָרישער גאַנג אויף וואָס סיי דער פּראָסטער שכל און סיי די טעאָרעטישע לאָגיק האָבן ממש נישט קיין קלאָרן און האַפטיקן ענטפער.

אַ פאַרמחשבֿהטער אין מיינע איבערלעבענישן, פרעג איז זיך ווידער אַמאָל, צי איז פאַראַן אין די קאָנטראַדיקטאָרישע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען און טענדענצן אַ בשותפותדיקער באָדן פאַר אַ באַנייטן און פּרוכטיקן נאַציאָנאַל־שאַפערישן קולטור־אויפגיי? די אויטאָראַטיוו־אידעאָלאָגישע ליניע איז אַ פּנים דאָס נישט אויסן. כאַראַקטעריסטיש פאַר מיר איז געווען אַן אַקאַדעמיע צום אָנדענק פון דער ערשטער „אויסזידלונג" פון יידן אין וואַרשע. אנטייל גענומען אין צונויפקום האָבן פּאָליטישע טוערס און אַ צאָל פאַרבליבענע קעמפערס פון געטאָ־אויפשטאַנד.

אין דער לופט האָט זיך געפילט די געשפּאַנטקייט פון די פאַרשיידענע צדדים, הגם עס האָבן נישט געפעלט קיין קאָמפּלימענטן פון איינעם צום אַנדערן. דער עיקר איז אָבער געווען וואָס די קאָמוניסטיש־געכשרטע נאָוואָטאָרן האָבן כסדר באַטאָנט די נייע דעמאָקראַטישע ליניע וואָס וועט ברענגען די פאַרהאָפטע ישועה פאַר דעם באַנייטן יישוב. אגב ביי דעם צונויפקום האָב איך מיך באַקענט מיט דער פיינער שרייבערין רחל אויערבאַך, אַ ניצול־געוואָרענע פון אומקום. אַ לאַנגע צייט דערנאָך האָט אונדזער חברישע נאָענטשאַפט מזל־ברכהדיק אָנגעהאַלטן.

איידער איך האָב פאַרלאָזט וואַרשע, בין איך ווי אַ גאַסט געווען פאַרבעטן צו וויזיטירן דאָס יידישע קינדערהיים אין אָטוואָצק. דער שטילער, שיינער אָרט, נישט ווייט פון וואַרשע, האָט שוין פון תמיד צוגעצויגן מיט זיין וואַלד און גוטער לופט סיי קראַנקע און סיי זומער־געסט אויף אָפּרו און קוראַציע. אַרומגערינגלט פון גרינע ביימער און ליבלעכע גערטנדלעך איז געשטאַנען דאָס רחבֿותדיקע הויז פון קינדערהיים מיט זיינע באַקוועמע צימערן און אַ שפּאָר ביסל פריש־אויסגעוואַשענע, האַרציקע קינדערלעך, וואָס האָבן זיך געהאָט אָפּגעראַטעוועט. עס איז געווען אַ זעלטענער תענוג זיך מיט זיי און די לערערס און דערציערס צונויפצוקומען.

די אָנפירונג מיטן הויז, די וואַרעמע אויפזיכט און די איבערגעגעבענע דערדערציונג פון די קינדער זאָגן בפירוש עדות אויף ווילגעפיל פון די יתומימלעך פון זייערע אומגעקומענע טאַטע־מאַמעס. עס איז פריילעך און הילכיק אין דעם קינדער־אַרום. מען זינגט לכבוד דעם גאַסט קינדער־און־פאָלקסלידער און מען רעציטירט באַחנט אַ ליבלעך ליד אָדער מעשהלעך פאַר קינדער. צום סוף דרייען זיי זיך אין אַ קאַראַהאָד מיט טאַנץ און געזאַנג, און דער לוסטיקער קלאַנג פון די קינדערשע קולכלעך ׳ פאַרשאַפט אַ האַרציקע שטימונג אויפן זאַל.

נישט געקוקט אויף די גוטע און אחריותדיקע אויפקלערן פון די דערציערס, לאָזט נישט די זאָרג ווי וועט דער דאָזיקער יונגיטשקער דור דערצויגן לויט דעם איינגעשטעלטן פרייען און „דעמאָקראַטישן" סדר אויסזען ווען זיי וועלן אויפוואַקסן, אויב עס פעלט די אמתע יידישלעכע נקודה? עס חזרט זיך איבער דער אומרויקער תיקו אין דעם איצטיקן אומקלאָרן פּאָליטישן מצב פון דער שארית הפליטה אין באַנייטן פוילן.

צומאָרגנס פירט מיך דער אויטאָבוס פון וואַרשע קיין לאָדזש, וואָס איז פון אַ יידישן קוקווינקל געווען מיט זיינע היסטאָרישע אַרכיוון אַ וויכטיקער צענטער פון דער שארית הפליטה. אונטערוועגנס פאָרן מיר פאַרביי אַמאָליקע היימישע שטעטלעך וואָס האָבן געשטראָמט מ יטזאַפטיקער פאָלקישקייט און שאַפערישקייט, מיט תורה און מיסחר, אָרעמקייט און נגידות, חסידים און אַ מאָדערנער יוגנט, מיט שטעטלדיק־קוואַליקער אייגנקייט. מיר פאָרן אַדורך לויעוויטש, סטריקעוו, בלוינע און זגיערש, און זיך אָפּגעשטעלט אינעם חסידיש צעקלונגענעם סאָכאַטשעוו.

מיט אַ ציטער אין האַרץ דערמאָן איך זיך אין דער עילוישער געשטאַלט, אַ גאון אין תורה און האַר אין חסידות, רב אברהמעלע בראָנשטיין, וואָס איז געווען באַקאַנט אין דער יידישער וועלט ווי רב אבֿרהמעלע סאָכאַטשאָווער. אין די אַמאָליקע יאָרן האָט דאָ דער דאָזיקער גרויסער בר־הכי מרביץ תורה געווען ברבים,

געווען נאָך ר׳ מענדעלע קאָצקער און חידושי הרי״ם דער באַוווסטער מנהיג אין דער חסידישער וועלט, אַ שם־דבר אין דער פּוילישער יידישקייט. עס איז גראד היינט געווען ערב־שבת, ווען נאָך אין אָנהייב פון איצטיקן יאָרהונדערט איז דער געדראַנג פון חסידים און סתם־יידן געווען גרויס. אין אַלע געסלעך און אַכס־ניעס האָט זיך געטומלט און גערודערט מיט אָנגעפּאָרענע חסידים צום רבין, כדי זיך צו קוויקן פון זיין תורה און חכמה און האָבן אַ ביסל התערותא דלעילא, וואָס זאָל קלעקן פאַר אַ לאַנגער צייט.

ווי אין אַלע אַנדערע פאַרחרובטע שטעטלעך אַזוי אויך האָט מען אין סאָכאָטשעוו נישט געזען קיין אָנצייכעניש פון אַ ייד. אין דעם אימהדיקן גרויל פון אומקום זענען אַלע יידן אַוועק מיטן רויך פון די נאַצישע גאַז־קאַמערן און אַנדערע מיתות משונות. זייער פלאַץ האָבן איצט געיַירשנט די אַרומיקע גויים. כלאָפּעס און שמענדריקעס פון גויעס, וואָס גייען אַרום אָנגעטאָן אין געראַבעוועטע מלבו־שים פון יידן.

אויפן מאַרק שטייען פויערים און פוי־ערטעס ביי די אָנגעלאָדענע וועגענער מיט גרינסן, קאַרטאָפל און אויבסטן, מיט צוגעבונדענע בהמות, קי און קעלבלעך, וואָס וואַרטן אויף קונים. צוזאַמען מיט די אומגעקומענע יידן האָט זיך אָפּגעטאָן פון שטעטל דעם ערב שבת קודש מיט זיין התרוממות און השתוקקות, און אויפן גאַס דרייען זיך אַרום האַלב־פאַרשיכור־טע, פריציש־געקליידטע, חוצפּהדיקע ווייַ־סע־חברה־ניקעס, וואָס טשעפּען זיך צו די קוויטשיקע שיקסעס.' דער חשבון מיט יידן איז פאַרענדיקט לעולם ועד.

בשעת מיין נסיעה איבער די פאַרוואַר־לאָזטע יידישע שטעטלעך, האָט אין מיינע אויערן כסדר געקלונגען דער טרויערי־קער איכה־ניגון מיט זיין צעווייטאָגטן פסוק: „על אלה אני בוכיה״, אויף דעם אַלעם קלאָג איך מיט ביטערע טרערן.

אין צווישן בין איך אָנגעקומען קיין לאָדזש, דעם אַמאָליקן צענטער פון מיס־חר און פאַבריקאַציע, סוחרים און אַרבע־טאָרערס, באַקאַנטע שרייבערס און קינס־טלערס, און יידן פון אַ גאַנץ יאָר. מיטן מוראדיקן חורבן האָט זיך אָפּגעטאָן פון דער שטאָט איר אַמאָליקער שאַפעריש־צעקאָכטער גלאַנץ און יידישלעכן תוכן. מיט גיכע טריט און באַדאַכטער איילעניש גיי איך איבער שטילע, האַלב־ליידיקע גאַסן און דער זאַכאָדניע גאַס, ווו עס גע־פינט זיך די צענטראַלע קערפּערשאַפט פון דער רעליגיעזער יידישקייט, אַ כמעט פאַרגעסענער, פאַרווינקלטער אינדזל אין דעם בין־השמשותדיקן יידישן לעבן אין פּוילן.

אויף די האַלב־פאַרשלאָפענע גאַסן זעט מען זעלטן אַ ייד פאַרביילויבן. עס איז שוין נישט דאָס אַמאָליקע רוישיקע און טומלדיקע לאָדזש. דער אומעט וואַקסט און אויפן געדאַנק קומען אַרויף עטלעכע שורות פון אַ נייער פאַרטרערטער איכה פון דעם ליריש־צאַרטן מקונן ש. שאַיע־וויטש אין זיין ציטערדיקער פאָעמע „לך־לך״. זינגט דער פאַרצערטער דיכטער, דער מאָדערנער בעל־עקידה אויס זיין צעווייטאַגט קינה־ליד אויף דעם חורבן וואָס האָט געטראָפן דאָס יידישע פאָלק אין אַ צייט פון אומרחמנותדיקער בויט און פיין. אין זיין אַויפטרייסלדיקער קינה קומט דער טראַגיש־לירישער פאָעט צו דעם היסטאָרישן בעל־עקידה, דעם זיידן אַברהם אָבינו, און אַ פאַרשעמטער מיט אַ וויי־געשריי אין האַרץ טראָגט ער אים אונטער זיין ממעמקימדיק ביטער געזאַנג:

„...און אַ גרוס דיר זיידע אברהם —
מיר גייען אויף דיין וואַנדער דעם
שווערן,
נאָר צי ווייסטו דיך נישט שעמען
פאַר די אייניקלעכס ביטערע טרערן!״

עס איז שוין נישט דער אַלטער וואַנ־דער אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד פון די אָבות, נייערט אַ נייער טראַגישער און בלוטיקער לך־לך פון גאַנצן פאָלק ישראל אויף פריש־צעפייערטן עקידה־מזבח פון די רוצחישע נאַצים. דער נסיון האָט גאָר נישט קיין ברעג און קיין סוף, און קיין מלאך מושיע פון הימל באַווייזט זיך נישט אין דער לעצטער רגע צו ראַטעווען די אומשולדיקע מענטשלעכע קרבנות!

אַריינגעטאָן אין מיינע טרויעריקע
מחשבות קום איך אַריין אין דעם מקדש
מעט פון דער פאַרבליבענער פוילישער
ידישקייט, וואָס יידן פרוון אָפּצוהיטן
און אויפהאַלטן מיט גרויס געטריישאַפט
און ליבשאַפט, און זוכן אַ תיקון פאַר דעם
פגם אויף דעם וואַקלדיקן באָדן אין באַ־
נייטן פוילן.

נישט געקוקט אויף מניעות און אַ
שפּאָר ביסל נסיונות אין דעם פּאָליטישן
אַרום, האָט מען פון דעסטוועגן, ווי די
מנהיגים דערציילן, באַוויזן אַ סך אויפ־
צוטאָן. מען וויל, זאָגן זיי, בעל כרחי
ווייטער אָנגיין מיט אַן ערלעך יידיש לעבן
און נישט דערלאָזן אַז דאָס צאַנקענדיקע
פלעמל פון הייליקן נר־תמיד זאָל זיך
חלילה פאַרלעשן. מען אַרבעט מיט אַלע
כוחות, געשאַפן אַ רעליגיעזע אָרגאַניזאַ־
ציע מיט ברייט־פאַרצווייגטע אָפּצווייגן
אין דער פּראָווינץ, וואָס זאָלן אָנפירן
מיטן יידישן לעבן כדת און כדין.

אין דעם בנין פון דער צענטראַלער
אינסטיטוציע איז פאַראַן אַ מקווה, אַ שיין
רחבותדיקער בית־מדרש מיט ספרים
אויף די פּאָליצעס, ווו יידן קענען זיצן
און אַריינקוקן אין אַ ספר אָדער לערנען
אַ בלאַט גמרא. עס איז דאָ אַ זאַל פאַר
פאַרזאַמלונגען און אויף די טישן ליגן
צייטונגען און זשורנאַלן אָפן פאַר יעדן
וואָס קומט אַריין. מען איז אויך עוסק
אין חינוך פון יונגוואַרג און דערוואַק־
סענע. מען האַלט אָפּ לעקציעס און קורסן
אין יידישער געשיכטע און ליטעראַטור
און פּראָבלעמען פון יהדות פאַרן עולם
יידן. פאַרגעסט מען אויך נישט צו העלפן
און שטיצן אַ געפּלאָגטן, צעבראָכענעם
ייד, אַז ער זאָל זיך נישט פאַרלירן אין
דעם אויפגעקומענעם מן־המיצר. · מען
פילט, זאָגט צו מיר איינער פון די אָנפי־
רערס מיט אַ ליכטיקן רבנישן אויסזען,
אַז מען איז אויף אַ שטיקל וועג אַרויס־
צוקומען פון דער סומאַטאָכע, וואָס
שוועבט אַלץ נאָך איבער אַלעמענס קעפּ.

נאָך דעם פּאַרטייאישן און קאַזיאָנעם
פאַרהאַוועטן וואַרשע, מיט זיינע פּאָליטיש
ראַדיקאַלע טענדענצן, זוכט מען אין דער
רעליגיעזער מחיצה צו שאַפן אַ מער היי־
מישע, יידישלעכע סביבה, וואָס רעדט
מער צום האַרצן פון ייד. אויב וואַרשע
איז דער פאַרקאָכטער פּאָליטישער צענ־
טער מיט אַלע זיינע נאָוואַטאָרישע אויפ־
טוען, איז לאָדזש דערווייל געוואָרן אַ
גייסטיק ־ קולטורעלער און ליטעראַריש־
וויסנשאַפטלעכער זאַמלפּונקט. מען טרעפט
זיך מיט יידישע שרייבערס און היסטאָ־
ריקערס וואָס האָבן אגב באַוויזן אויפצו־
שטעלן אַ מוסטערדיקע זאַמלונג פון היס־
טאָריש וויכטיקע מאַטעריאַלן און דאָקו־
מענטן, וואָס מען באַאַרבעט מיט גרויס
פלייס אין די אַרכיוון אַז זיי זאָלן האָבן
אַ בלייביקן היסטאָרישן ווערט. ווי שווער
דער מצב זאָל נישט זיין קלאַפּט דאָ נאָך
גרייליך דער לעבעדיקער דופק פון אַן
ערנסטער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט אַרום
די פאַרבליבענע און אויגעפונענע מאַטע־
ריאַלן און כתב־ידן מיט זייער וואָגיקער
קולטור־היסטאָרישע ווירטיקייטן.

סיי אין ציבור פון די רעליגיעזע יידן
און סיי אין ביוראָ פון די אַרכיוואַלע מאַ־
טעראַלן פילט זיך דער גאַסט אויף אַ
וויילע יידישלעך היימיש. ער ווערט אויפ־
גענומען מיט גרויס פריינדשאַפט און וואַ־
רעמקייט. עס איז אַן אָנגעלייגטע, האַר־
ציקע סביבה, און עס שטעלט זיך גאָר
גיך איין אַ נאָענטער און חברישער קאָנ־
טאַקט. מען צערעדט זיך מיט אַנאַנד ווי
אַלטע גוטע פריינד. די מנהיגים פון דער
רעליגיעזער יידישקייט ווילן וויסן פון
וואַנען איך קום, וואָס עס איז מיין שליחות
און וואָס עס הערט זיך אין דער פרייער
אָפענער וועלט. מיין פשוטער ענטפער
איז געווען מיט אַ תורה־פסוק: „את אַחי
אָנוכי מבקש‟, איך בין געקומען אויפזוכן
און זיך באַקענען מיט מיינע פאַרבליבענע
ברידער פון דער שארית הפליטה אין
פוילן. איך וויל הערן וואָס עס טוט זיך
ביי זיי און ווי עס לעבט זיך אין איצטיקן
אומקלאָרן מצב.

ענטפערט מען מיר: דערווייל ווי איר
זעט, איז אַלץ ברוך השם אין אָרדענונג,
מען טוט וואָס מען קען, הגם די שוועריג־
קייטן זענען גרויס. גוטע, געטרייע יידן
ווילן ממשיך זיין מיט אַלע כוחות דעם
קיום פון דער צעטרייסלטער יידישקייט
אַז זי זאָל האָבן אַ האַפטיקן באַשטאַנד,
אויב שוין נישט ווי אין אַמאָליקע יאָרן,

טאָ לכל הפחות אַ ליכטיקער אָפּגלאַנץ פון זיי. עס איז יידישע עקשנות וואָס וויל גובר זיין די שווערע מערכה מיט אירע נסיונות און מכשולים. פאַראַן אפילו יידן וואָס זענען כלל נישט אַזוי האָפּערדיק. זיי וויסן אַז דער מקום־מנוחה אין פּוילן איז אַ דערווייליקער. טראַכט מען, על כן, וואָס גיכער אַרויסצופאָרן פון דאַנען, און אויב נאָר מעגלעך, קיין ארץ־ישראל און העלפן בויען אַ נייע געזיכערטע היים פאַר זיך און די איבעריקע יידן. בכלל ווערט עס וואָס אַ מאָל שיטערער אין דעם באַנייטן יישוב. רבנים פאַרלאָזן דאָס לאַנד און יעדער אַנדערער זוכט אַ נייעם מקום־מיקלט כדי אַרויס פון דער אויפגעשטאַנענער ענגשאַפט. מען וויל קענען פרייער אָפּאָטעמען און לעבן בשלום און אין שלווה.

פון אַן אַנדערן טיפּ און כאַראַקטער איז געווען דער שבת־צונאַכטיקער קאָנצערט־אָוונט צו וועלכן אַ באַקאַנטער האָט מיך פאַרבעטן. דער זאַל איז געווען געפּאַקט מיט אַ שבת־יום־טובדיקן עולם יידן, יונגוואַרג און עלטערע מענטשן. דאָס האַרץ האָט זיך געקוויקט מיט פרייד ווידער־אַמאָל זיך צונויפצוקומען מיט אייגענע ברידער און שוועסטערן וואָס האָבן אויסגעפילט דעם זאַל און זיך מיט ליבהאָבערישער הנאה איינגעהערט צו די קלאַנגען פון דער מוזיק און געזאַנג פון די באַטעמטע אַרטיסטן. צוקוקנדיק זיך צו דעם שיינעם און צעוועקטן עולם מוזיק־ליבהאָבערס, האָבן זיך אין מיר דערוועקט זיכרונות פון אַמאָליקע, גליקלעכערע יאָרן אין דער היים בשעת אַזאַ געלעגנהייט. די גוט־אויפגעלייגטע, ליבלעכע שטימונג האָט אויך דעם לאָנדאָנער גאַסט סטימולירט און אים פאַרשאַפט אַ שפּאָר ביסל מוצאי־שבתדיקן נחת־רוח. אָפּגעטאָן האָט זיך פון אים די כסדרדיקע געשפּאַנטקייט, אים אויפגעבעבט און דערפרישט.

אַרויסגייענדיק פון זאַל צוזאַמען מיטן מחיהדיק־פריילעכן עולם, האָט זיך אַ גרופּע יונגוואַרג אַוועקגעלאָזט מיט מיר אויף אַ לענגערן נאַכטיקן שפּאַציר־גאַנג איבער די שטילע גאַסן פון שטאָט. גייענדיק אַזוי זאַלבע־פינף, האָבן זיי גענומען דער־ציילן וועגן זייערע איבערלעבענישן אין די מלחמה־ און חורבן־יאָרן, און געשמועסט מיט אַ סך באַענטשאַפט פון זייער דערווייליקן אויפהאַלט אין פּוילן. מיט אַ פריילעכער התלהבות האָבן זיי געזאָגט אַז זיי גרייטן זיך אויף עליה קיין ארץ־ישראל און וואַרטן בלויז אויף דעם נאָענטן טראַנספּאָרט. ווי חלוצים וו־לן זיי אַוועק אין אַ קיבוץ, און צוזאַמען מיט די קיבוצניקעס העלפן בויען דאָס לאַנד און אָנגיין מיטן קאַמף פאַר אַ פרייער עליה און קעמפן פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט סיי אין יידישן לאַנד און סיי אויף דער גאָרער וועלט בכלל. אַ נאַציאָנאַלע הרווחה פאַרן יידישן פאָלק קען נאָר קומען אין לאַנד פון די אָבות, האָבן די יונגע חלוצים מיט שטאָלץ צוגעגעבן.

מיט אַ האַרציקן שלום האָבן מיר זיך געזעגנט און פאַרקערעוועט צו מיין האָטעל וווּ איך בין איינגעשטאַנען.

פון אַ באַזונדערן אינטערעס איז געווען דער דאָקומענטאַציע צענטער מיט זיין אַרכיוו, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַריבערגעפירט פון לאָדזש קיין וואַרשע. אויף אויף צומאָרגנס בין איך אַוועק אין די ביוראָען פון היסטאָרישן אַרכיוו, וווּ די פאָרשערס און פריינד האָבן מיך אויפגענומען מיט חברישער פריינדשאַפט. מען האָט מיך אַרומגעפירט איבער דעם לאָקאַל מיט זיין אוצר אין שענק און אויסגעשפּרייט אויף טישן ביי דער אַרבעט. מען האָט מיר געוויזן זעלטענע דאָקומענטן פון דער געטאָ־צייט, פּלאַקאַטן, קול־קורא׳ס און געטאָ־געלט, אויסגעגראָבענע כתב־ידן פון אַ היסטאָרישן און ליטעראַרישן ווערט. פאַר אַן אָנדענק פון מיין וויזיט האָט מען מיר געשאָנקען עטלעכע באַנוסן פון „יידישן געלט", וואָס איז געווען אין צירקולאַציע אין געטאָ.

צווישן די אויפגעקליבענע דאָקומענטאַלע מאַטעריאַלן האָבן זיך געפונען טאָגביכער און פאַרצייכענונגען פון שווערע איבערלעבענישן אין דער חורבן־צייט און דערצו ליריש־פּאָעטישע שאַפונגען פון אומגעקומענע דיכטערס און שרייבערס, וואָס זענען געווען פאַרגראָבן אין דער ערד און אויף אַזאַ אופן אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון גיין לאיבוד. אויף די פּאָליצעס זענען שוין געשטאַנען פריש־אַרויס־

געגעבענע ביכער פון די אומגעקומענע מחברים, אַ לעבעדיקע עדות פון זייער אימפּאָזאַנטער יצירה אין די טעג פון פּיין און גרויל. דער אָנבליק פון דער דאָזיקער מוסטערדיק און פּינקטלעכער זאַמלונג האָט געמאַכט אַ רושם און אַרויסגערופן אַ סך באַוווּנדערונג פאַר דער אָפּגעטאָנער סיסטעמאַטישער פאָרש־אַרבעט, אין וואָס די גורלדיקע צייט פון דער פּוילישער ייִדישקייט שפּיגלט זיך אָפּ און קען האָבן איר תּיקון.

אַ טאָג פאַר מיין פאַרלאָזן דאָס האַלב־פאַרקלעמטע ייִדישלעכע לאָדזש זענען מיר זיך צונויפגעקומען מיט אַ גרופּע חברים־שרייבערס אין אַ פיינעם רעסטאָראַן צו אַן אָוונט־עסן. נאָך אַלע שווערע איבערלעבענישן פון יעדן איינעם פון זיי און די דאגה פאַרן אומזיכערן מאָרגן, ווילט זיך אַמאָל פאַרברענגען אַ שעה־צוויי אין אַן אייגענער, היימישער סביבה ביי אַ גלעזל משקה און אַ באַטעמטן מאכל וואָס זאָל סטימולירן אַ חברישן שמועס פון פען־מענטשן. זיצט מען ביי אַ שיין־פאַרגרייטן טיש בחברותא, מען האָט הנאה פון עסן און טרינקען, און ביי גלייך צעשמועסט מען זיך וועגן אַמאָליקע און היינטיקע קולטור און ליטעראַטור פּראָבלעמען. ווי עס האָט זיך געפירט ביי אַ שיינעם חסידישן טיש, הערט מען אויך איצט אַ דבר־תורה און אַ קלוג, חריפותדיק ווערטל וואָס וויל עפּעס זאָגן צווישן די שורות.

ביי דעם געשמאַקן עסן איז דער שמועס אָנגעגאַנגען אַ לאַנגע צייט. עס האָבן נישט געפעלט קיין באַוואָרענישן און ספקות מיט אָנצוהערענישן לגבי דעם מצב פון דער ייִדישער ליטעראַטור נאָכן חורבן מיט אַן אויסגעהרגעטער וועלט ייִדישע לייענערס. אַוודאי פאַרמאָגן מיר נאָך אַ צאָל וואָגיקע און מפורסמדיקע שרייבערס און פּאָעטן, אָבער די ייִדישע וועלט איז איינגעהילט אין טרויער און די פאַרלוירנקייט איז אין לשער. די מערכה איז אַ שווערע, און עס פרעגט זיך, איז נאָך פאַראַן אַ וועג און וווּהין פירט ער? פון וואַנען שעפּן פרישע כוחות אָנצוהאַלטן דאָס שוואַכע שאַפערישע פלעמל אין דער ייִדישער ליטעראַטור מיט איר אַקומולירטן פּאָטענציאַל, גרויס און טיפקייט?

אין דער תוכיקער און היציקער דיסקוסיע וואָס האָט זיך געהאַט אַנטוויקלט, האָבן אויך נישט געפעלט קיין מער פּאָזיטיווע און באַוואָרנטע וואָרטזאָגערס. זייער שטים האָט געקלונגען בטחונדיק און האָפערדיק. אַוודאי, האָבן זיי געטענהט, זענען ביי היינטיקן טאָג די שוועריקייטן, די קאָמפּליקאַציעס און דילעמע גרויס אָן אַ שיעור, אָבער דער צעשיינטער גלאַנץ פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין דער אַרומיקער וועלט האָט זיך פון איר נאָך נישט אָפּגעטאָן. אונדזער ליטעראַריש־קינסטלערישער פאַרמעג איז באַטייטיק ביז גאָר, און דערצו פאַרמאָגט אונדזער דור פּרעכטיקע און קרעפטיקע שרייבערס און שטראַליקע דיכטערס וואָס זענען אַ שם־דבר אין ז׳ער ייִדישערוועלט. טאָר מען בפירוש נישט אַריינפאַלן אין אַ פּעסימיזם און דערלאָזן צו אַ ייאוש.

עס איז נאָך פאַראַן אַן אָפענע, פרייע ייִדישע וועלט און רחבותדיק־צעשפּאַרטע כוחות פון אַ ייִנגערן דור וואָס האַלט די פּען אין דער האַנט, און זייער פולווערטיק קינסטלעריש וואָרט איז נאָך נישט דערזאָגט. זייערע וווּנדערלעכע אָנהייבן זאָגן אָן אַ סך, און רופן אַרויס דרך־ארץ צו זייער שאַפונג. מוזן מיר דערפאַר אָפּלערנען אַ פּראַקטישן מוסר־השכל, נישט אויפגעבן די האָפענונג און זיך נישט פילן פאַרלוירן. אדרבא, מיר מוזן זיך קעגנאַנאַד מחזק זיין, נעמען אויף זיך פון דאָס ניי דעם יאָך פון אַ ליכטיקער יצירה אַז עס זאָל אָנהאַלטן און זיך פאַרשטאַרקן אויף להבא.

ווער ווייסט אויב דאָס קול פון ייִדישן וואָרט וועט חלילה פאַרשטומען אין די מיזרח־אייראָפּעישע געביטן, וועט עס אפשר גאָר אויפגיין אין די גאַסן פון פּאַריז, ניו־יאָרק, בוענאָס איירעס און אַנדערע לענדער. אַזוי קענען מיר אָפּלערנען פון דער לאַנגער ייִדישער געשיכטע — איין צענטער גייט אונטער און אַ צווייטער קומט אויף. דער קוואַליקשאַפערישער גייסט פון פאָלק באַנייט זיך כסדר, און דאָס קען אויך געמאָלט זיין מיט אונדזער ייִדיש לשון און זיין קולטור,

ווען מען מ׳האָט שוין מיט אַ דור־צוויי צוריק אַנגעזאָגט אַז עס האַלט ביים אויסשטאַרבן.

דאָס שווער־געפּרוווטע פאָלק האָט געשעפּט פון דעם אַקומולירטן פּאָטענציאַל פּוּרישע כוחות כדי זיך צו באַנייען. מוזן מיר היינטיקע באַטראָפטע און צוביסלעך פאַרלוירענע שאַפערישע מענטשן זיין מאמינים, מאַכן אַן אָנשטרענג און העלפן אַז דער אָפּגעשוואַכטער, קוואַליקער שטאַם זאָל זיך נישט אָפּשטעלן, אים אויפפרישן, אַז ער זאָל האָבן אַ באַשטאַנד און אַ קיום אויף ווייטער. דער פאָלקיש־יידישלעכער נר־תמיד מוז באַלייכטן דעם וועג מיט זיין ירושה פון עבר און דערפירן צו אַ באַנייטן, קראַפטיקן אויפלייז פון דער פנימיותדיקער נקודה פון דער יידישער קולטור. דאָס איז בפירוש דאָס באַשיימפערלעכע געבאָט פון די אומגעקומענע יידן און יידיש־רעדערס, און אונדזערע התחייבות לגבי זיי. לאָמיר זיך אָנגורטן די לענדן און באַוואָרענען אַז די שוואַכע קויל זאָל זיך נישט מיט אַ מאָל פאַרלעשן.

די חבריש־צעפלאַמטע דיסקוסיע האָט זיך פאַרצויגן ביז אַ שפּעטער שעה. די פעולה איז געווען אַ נוציקע און אויפגעלאָקערט צוביסלעך די פאַרקלעמטע מחשבה. ביים אַרויסגיין פון רעסטאָראַן האָבן מיר זיך האַרציק געזעגנט און איך האָבן געדאַנקט פאַר דער הנאה פון דער פריינדלעכער און שיינער מסיבה, וואָס די חברים שרייבערס האָבן פאַר מיר פאַרגרייט, און וואָס וועט זיך נישט אַזוי שנעל פאַרגעסן...

נאָך עטלעכע אָפּרו־טעג אין די קאַרפּאַטן־בערג מיט מיין געטריי־איבערגעגעבענער משפחה און פריינד, האָב איך מיך געלאָזט מיט מיינע איבערלעבענישן, מחשבות און אויפצייכענונגען צוריק אויפן וועג אַהיים, און בין אָנגעקומען בשלום קיין לאָנדאָן מיט זיין גרויסשטאָטישן גערויש און איינגעשטעלטן פּאָליטישן גאַנג. עס איז געווען אַ זעלטענע נסיעה, אָפּט טראַומאַטיש שווער, וואָס געדענקט זיך נאָך ביז היינטיקן טאָג.

## סוף פסוק

איידער דער שרייבער פון דער מגילה פוילן אין יאָר תש״ז פאַרענדיקט זיינע רייד, וויל ער דערמאָנען דעם באַקאַנטן נוסח פון די אַלט־יידישע מעשה־דערציילערס, אַז זיי האָבן אויסגעלאָזט זייער סיפור־המעשה מיט אַ פרום־געגראַמטן מוסר־השכל וואָס די מעשה באַטייט. קיין גראַמען־מאַכער איז דער איצטיקער מחבר נישט און זיין איינגעטראַכטער מוסר־השכל איז פון אַן אַנדערן מין. צום סוף פון זיינע אויגעדערטע זכרונות וויל ער פרוּוון געבן אַ שטיקל היסטאָריאָסאָפישן באַקלער, ווי אַזוי עס איז געקומען דער אימהדיקער אומקום פון דעם גרויסן כלל יידן פון די נאַצישע רוצחים אויף דער פוילישער ערד. וועלן מיר זיך דעריבער בקיצור אָפּשטעלן אויף דעם שגעונדיקן מאַכט־קאָמפּלעקס פון די מאַגיאָקישע תקיפים און וועלט־פאַרזאָרגערס אין זייער הייליקן עגאָיזם פון מאַכט־תאווה און בלוטאָרשטיקייט, וואָס אין משך פון לאַנגע דורות געפירט צו אַ פּאַראַלישער ניוועלאַציע, און גאָר אָפּט צו אַן אַכזריות־דיקער פאַרניכטונג פון שוואַכערע און אונטערדריקטע פעלקער אין זייער נאָענטן און ווייטן אַרום.

ווי שוין ביי אַן אַנדער געלעגנהייט אויסגעפירט, איז אין דעם היסטאָריש־פילאָסאָפישן אויסקוק פאַראַן אַ דואַליסטישער פרינציפּ פון גוטס און שלעכטס, פון קדושה און טומאה אין דער וועלט, וואָס באַגלייט אין דער פּאָלאַריטעט פון וועלט־געשעען דעם מענטש שוין פון תמיד. אויף דער איינער זייט מידת הדין און אויף דער אַנדערער מידת הרחמים, אַלטרויזם און שנאה, און בראשש דערפון אַכזריותדיקע מעשים. דער ששורש פון ששלעכטס איז דאָס פאַרשטאָקטע האַרץ פון מענטש, זיין מאַכט־תאווה און האַרטנעקיקייט. אויף דעם זאָגט שוין עדות דער תנ״ך מיט זיין הומאַנעם און אימאַנענטן אויסרוף. די לוסט צו הערשן און אונטערדריקן איז גרויס, און מענטשלעך בלוט איז ביליק. עס קומען אויף כל המינים געוועלטיקערס און דיקטאַטאָרן, פינצטערע דעמאַגאָגן און כיטרע מאַגלאָ־

(המשך אויף זייט 29)

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# יידישער נאַציאָנאַל פאָנד
# אניואיטי פאנד

איר קענט האָבן

## אַן איינקונפט אין משך פון אייער לעבן

מיט אַ צוגאָב פון אַ בונד מיט ישראל

עס איז אייער אינטערעס זיך באַלד איינצושאַפן
אַ לעבנסלענגלעכע נאַציאָנאַל-פאָנד אַניואיטי-הכנסה
און העלפן זיך אַליין דורך העלפן מדינת ישראל!

**שניידט אָפּ דעם קופאָן און שיקט עס דורך פאָסט**
**פאַר ווייטערדיקער אינפאָרמאַציע :**

סענפאָרד דויטש, קאָונסיל פרעזידענט • טעלעפאָן : 655-8100
אַלפרעד מייקלס, עקזעק. דירעקטאָר

---

# JEWISH NATIONAL FUND

WESTERN REGION, JEWISH NATIONAL FUND

6420 Wilshire Blvd. • Los Angeles, Calif. 90048

*Yes, I am interested in helping the Land of Israel while obtaining an income for life. Please send me more information about the Jewish National Fund Annuity Trust.*

Name...............................................................................

Address.............................................................................

City.................................................................Zip Code.............................

יעקב מייטליס (סוף פון זייט 27)
מניאַקן, וואָס אין נאָמען פון גערעכטיקייט און פרייהייט ברענגען זיי אומגליק פאַר דער וועלט, מיט מאַסן הריגות און רציחות אָן אַ שיער. אַזוי איז דאָס שוין צוגעגאַנגען פון קדמונים, און אין דעם כלל שטייט די חיהש־באַרבאַרישע נאַצישע בעסטיע בראש.

לאָמיר דעריבער אַ קוק טאָן אין אונדזער קורצן לך־הכל אויף צוריק, און אַ טראַכט טאָן וואָס עס איז פאָרגעקומען אגב אין די לעצטע צוויי יאָרהונדערטער, און פרווון ציען אַ גריילעכן מוסר־השכל דערפון. אין פלוג זענען אַלע גוטע און שיינע אידעאַלן פון פרייהייט, וווילשטאַנד און פראָגרעס געבליבן אַ גרילציקער דיסאָנאַנץ, ווייט נישט תוכיק רעאַליזירט, און דערפירט, ווי מיר זען דאָס ביי היינטיקן טאָג, צו אַ צעטומלטן און הילכיקן ניהיליזם, פון וואָס עס איז שווער אַרויסצוקומען.

פרווון מיר מאַכן אַ קורצן סך־הכל ווי עס איז צוגעגאַנגען אין תחום פון אידעישער אַנטוויקלונג אין לויף פון די לעצטע יאָרהונדערטער ביז היינט, און אין פלוג אַלצדינג גאָרנישט אַזוי פשוט. דער דרך אין געשיכטע איז נישט קיין גראַדער און אויסגעטראָטענער. ער גייט אין זאַגזאַגן, אין אַ פראָצעס פון כסדרדיקע שינויים און טראַנספאָרמאַציעס, רעאַקציעס און איבערקערענישן, וואָס גייען נישט תמיד לויטן סדר פון פאַרטראַכטע דערהויבענע אידעאַלן און צעשיינטע בעל־הכשבותן. אין אונדזער דין וחשבון מוזן מיר אַרייננעמען פאַרשיידענע סאָציאַלע און פאָליטישע קאָנפליקטן, מלחמות און איבערקערענישן, וואָס האָבן בעל כרחי געפירט צו דעם פאָליטישן כאַאָס מיט זיין טעראָר אין אונדזערע טעג.

שוין די ערשטע אָנהויבן פון אַ ליכטיקן אידעאַל פון פרייהייט און פראָגרעס, ווי אידעיש ערלעך זיי זענען נישט געווען פאַרטראַכט, האָבן אַ קאַפעלע פאַרפירט. דער מעוברדיק־שיינער אידעאַל האָט געבוירן אַ נפלע. די אויסגעחלומטע פרייהייט פון אַ דערהויבענער ציוויליזאַציע פון לעבן, האָט דערווייל אַוועקגעפירט דעם פראָגרעס פון אַ מעכאַנישער טעכנאָלאָגיע, וואָס אין איר גרייס און פאַרנעם צעטומלט די הומאַנע נקודה, און לאָזט אים אגב אָן אָפגעפרעמדטן אין זיין אומזיכערן און צעשויבערטן אַרום. באַוואָרנטע און צעליכטיקטע גייסטער זוכן גובר צו זיין דעם איינגעשטעלטן פגם און ברענגען פון דאָס ניי אַ שטיקל אידעאַלן תיקון.

אַזוי גייען שוין אָן די זוכענישן און בלאָנקענישן פון לאַנגע דורות. נישט אַנדערש איז דאָס אפילו געווען אין דעם הומאַניסטיש - צעליכטיקטער צייט פון אייראָפעישן אויפקלער אינעם ראַציאָנאַליסטיש־מיושבדיקן 18טן יאָרהונדערט. מיט זיין שכלדיקן אויסקוק אויף אַלע סאָציאַלע און גייסטיקע פראָבלעמען אין לעבן, וואָס מען איז אויסן געווען זיי דעפיניטיוו צו פאַרענטפערן. אַוודאי איז די שיטה פון די פילאָסאָפישע אויפקלערערס און וואָרטזאָגערס געווען דער משמעותדיקער גורם פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וואָס האָט אָבער אין איר אויפברויז און צעשטורעמדיקן גאַנג פון געשעענישן געפירט צו דער בלוטיקער גיליאָטינע, און אין אַ קורצער צייט פאַרלוירן ווי אַ סך אַנדערע סאָציאַל־פאָליטישע איבערקערענישן איר אייגנטלעכן שיעור־קומה. צוזאַמען מיט די פאַרשטאַרטע הערשערס און רעגענערירטע תקיפים האָט מען אויך פאַרלענדט אירע אמתע און געטרייע קעמפערס פאַר פרייהייט און ברודערלעכקייט. די זין פון דער רעוואָלוציע האָט די שווערד פאַרלענדט, און די מערכה פון פאָלק איז פאַרבליבן מיט ליאַדע שינויים אַזוי ווי פריער.

נישט קיין סך אַנדערש איז צוגעגאַנגען מיט די סאָציאַל־פאָליטישע שיטות און שיינע לאָזונגען אין משך פון 19טן י״ה. אויף דער איינער זייט איז געשטאַנען דער פילאָסאָפישער פאָזיטיוויזם מיט זיין אַקסיאָמאַטישן גלויבן אין דעם טעכנאָלאָגישן פאָטענציאַל וואָס איז אויפגעגאַנגען אין אַ ברייטן און וואָגיקן פאַרנעם אין דער טעכנישער אַנטוויקלונג פון יאָרהונדערט, און פאַרבונדן דערמיט דער אויסקוק אויף אַן אַלגעמיינעם פראָגרעס אין אַלע אַספעקטן פון אַ ליבעראַלער און פרייער תקופה. אויף דער אַנדער זייט איז אויפגעקומען דער אימפאָזאַנטער סאָציאַליזם מיט אַ צוגאָב פון מאַרקסיסטיש־

היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, וואָס האָט געפונען אַ ברייטן און פאַרלאָזלעכן אָפּקלאַנג אין אַ ריי אינטעלעקטועלע, פּראָגרעסיווע קרייזן. דער סאָציאַליסטישער פאַרמעסט מיטן קאַפּיטאַליזם איז אַוועק אויף אַ נייעם דרך און צוגעזאָגט דעם פּראָלעטאַריאַט אַ קומענדיקן, גרויסן אויפגיי און רעהאַביליטאַציע.

ביגו לבינו איז אויך געוואַקסן, דער אין מערב־אייראָפּע, דער נאַציאָנאַליזם מיט זיינע אומגעשטילטע מאַכט־תאוות און אַ שאָטנדיקן שאָוויניזם. פאַרשטאַרקט האָבן זיך אימפּעריאַליסטישע קאָנפליקטן מיט זייער פאַרשאַרפטן פּאָליטישן אַרויספאָדער, וואָס האָט געפירט צו סיכסוכים און אַנטאַגאָניזמען, צו קאָנפראָנטאַציעס און אָפענע צוזאַמענשטויסן, אָנגעלאָדן מיט נאַציאָנאַליסטישער גדלות און מאַכט־תאוות. דאָס פּאָליטישע מישקולת האָט זיך כסדר גענומען וואַקלען אין דאגה און מורא, ביז עס איז געקומען דער קאַטאַסטראָפאַלער אויסבראָך פון דער ערשטער גרויסער וועלט־מלחמה אין יאָר 1914, וואָס האָט פאַרשווענקט אַלע מדינות אין אַ ים פון בלוט און צעשטערונג.

מענטשלעך לעבן איז מיט אַ מאָל געוואָרן הפקרדיק און געכשערט פון אַ פּאַטריאָטישן נאַציאָנאַליזם. דער הייליקער עגאָיזם האָט פאַרשוועכט דעם צלם אלקים פון מענטש מיט זיינע אויסטערלישע הריגות, וואָס האָבן אין גאַנג פון דער מלחמה געבושעוועט אין דעם פעלקער אַרום און כמעט פאַרחרובט אַ וועלט, וואָס איז דערנאָך אַריינגעפאַלן אין אַ מוראדיקן כאַאָס. אַ שטימונג פון „אונטערגאַנג פון אבענדלאַנד“ מיט זיין קולטור און ציוויליזאַציע. די סימנים פון שנאה און הפקרות זענען נאָך פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג.

דער טראַגישער פּראָצעס פון ריוואַליטעטן, קנאה־שנאה און רעוואַנש שטייט כסדר אויפן סדר־היום. ווי קען דאָס אַנדערש געמאָלט זיין ווען די הומאַניטעט וואָס איז נישט קיין אַבסטראַקטער ענין און איז גורלדיק ענג עקזיסטענציעל פאַרבונדן מיטן לעבן פון יחיד און רבים, איז געוואָרן אויסגעליידיקט פון איר תוך און אמת, און איז אַ שפּילבאַל אין די הענט פון כיטרע פּאָליטיקערס און מיט זיי פון אומפאַראַנטוואָרטלעכע, הפקרדיקע טעראָריסטן. די קאָנסעקווענץ איז אויף אַזאַ אַזאַ אופן, אַז די איבערגעקערטע וועלט האָט איר שורש און אָנהייב אין דער ערשטער וועלט־מלחמה אין אונדזער היינטיקן יאָרהונדערט.

דער גרויסער איינבראָך אין דער יוסטער מערב־קולטור און אירע ציוויליזאַטאָרישע ווערטיקייט האָט זיך תחילתדיק אָנגעהויבן אין יענער, נישט אַזוי ווייטער תקופה פון מאָדערנעם לעבן. אַוודאי האָבן זיך אין דער צווישנצייט די טעכנאָלאָגישע אויפטוען און פּאָזיטיווע דערגרייכונגען געוואַלדיק שטאַרק צעוואַקסן, אָבער נישט תמיד מיט אַ סימן ברכה פאַר דער מענטשהייט, וואָס איז פאַרבליבן אָן איר פּנימיותדיקער נקודה, אַ גוף אָן אַ לויטערער נשמה. דער עצם מענטש אין זיין עסענץ און מהות איז נישט געוואָרן באַפרייט. די דילעמע מיט איר פאַרטומלדיקייט און פאַרלוירנקייט איז נאָך לעת־עתה אָן אַ שיעור גרויס.

אויף דעם מאָראַליש־עטיש אָפּגעשוואַכטן באָדן איז אויך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אויסגעוואַקסן דער מורא־דיק הפקרדיקער סטאַלין־רעזשים מיט זיין קנעכטישער דיקטאַטור און ווי זיין צד־שכנגד דער שגעונדיקער פאַשיזם מיט זיין פאַרחושכטער ראַסן־טעאָריע, וואָס האָט דעם מאַגעלאָמאַניאַק היטלערן און זיינע באַרבאַרישע תלינים געכשרט יעדן וועג און יעדעס מיטל קנאותדיק צו רצחנען און פאַרחרובן די צעשיינטע יידישקייט אין צענטראַל־ און מזרח־אייראָפּע אין איר גרויליקן אומקום. די גייסטיקע יורשים פון דער דאָזיקער בלוטיקער ברכה, זענען ביי היינטיקן טאָג די נאַצישע נאָכלויפערס און די ניהיליסטישע טעראָריסטן מיט זייערע מעשים־תעתועים. די בלוטיקע זריעה איז געוואָרן פאַרזייט און זיך צעבליט אין לויף פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ממש נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה מיט אירע מאַסן הריגות און צעשטערונג, אַזוי האָט זי פאַרמשכנט דעם קומענדיקן דור מיט קייט, פון וואָס אַ צעטראָגענע וועלט קען אַ שווערער משא און מאָראַלישער גילטיגאָרנישט פּטור ווערן. שווער צו דערטראָגן אין די בלוטיקע ירושה פון די פאַרגאַנגענע דורות, וואָס הענגט נאָך עד

היום ווי אַ דאַמאָקלעס שווערד איבער אונדזערע קעפּ.

ווי ווייט מען קען קומען צו אַ סך־הכל פון די פאַרלאָפענע געשעענישן אין די פאַרלאָפענע געשעענישן אין די לעצטע דורות מיט אַ קלאָרן און באַשיידלעכן מוסר־השכל, אַזוי איז ער אַ שווערער, ממש אַ טראַגיש־טרעוומאַטישער. שוין נישט איין מאָל האָבן זיך אונדזערע דערהויבענע בעל־מוסרס שאַרף אַרויסגעזאָגט קעגן דער שענדלעכער מידה פון גאווה, וואָס ברענגט נישט קיין גוטס. אין לעבן פון פעלקער פירט זי צו אויפגעבלאָזענער גדלות, צו תקיפות און גוואַלד־מעשים, וואָס האָבן גאָר נישט קיין ברעג. הפקרדיקע אַראָגאַנץ און אומדערזעטלעכע מאַכט־תאוות האָבן אויך אין דעם ווייטן היסטאָרישן אַמאָל אונטערגעגראָבן דעם באַשטאַנד פון גרויסע פעלקער און דעם יסוד פון ווילשטאַנד און שלום. אַזוי האָט זיך אויך פלוצים פאַרפינצטערט דער אויסגעלייטערטער האָריזאָנט מיטן אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און אירע קאָנסעקווענצן פילן מיר נאָך בולט און קלאָר אין אונדזערע כאַאָטישע דווקא דער צעיושעטער דראַנג צו גרויסקייט און מאַכט, וואָס האָט אגב געפירט צו אַן אַנזעעוודיקן מעכאַניש־מאַטעריעלן פּראָגרעס, האָט אין אַ גרויסער מאָס פאַרגרעסערט די וואַקסנדיקע סכנה פון אַ פחדימדיקער ניוועלאַציע פון אַ ריי איינגעפונדעוועטע קולטור־ווערדיקייטן אין מענטשלעכן לעבן.

מסוכנדיקע ריוואַליטעטן אין דעם פעלקער אַרום מיט זייער פאָליטישן ווידעראַנאַנד האָבן פאַרגרייט דעם באָדן פאַר נייע קאַטאַסטראָפעס, און עס האָט זיך געשאַפן אַ מצב פון וואָס עס איז שווער אַרויסצוקומען.

ווי געזאָגט, נישט געקוקט אויף די אויסערגעוויינלעכע טעכנאָלאָגישע דערגרייכונגען, איז די מענטשהייט פאַרבליבן יוצא־דופנדיק, אַ מין גייסטיקער הערמאַ־פראָדיט, אַ געמיש פון שפעדיקער נאָוואַטאָרישקייט אויף דער איינער זייט, און אַ סימן קללה און פחד אויף דער אַנדערער זייט. עס פעלט אַפנים דעם היינטיקן מענטש די פנימיותדיקע נקודה פון אַ געלייטערטער אמונה און הומאַנער קדושה, וואָס זאָלן זיין בכוח אָפצושטעלן דעם ווילדן געיעג פון אַלץ נייע, פאַרבעסערטע טעכנישע משחיתים, כדי צו באַוואָרענען און פאַרזיכערן נישט בלויז דעם ביאָלאָגישן נאָך אויך גייסטיקן קיום פון כלל מענטשהייט.

עס איז אונדזער אַלעמענס גרויסע מאָראַלישע התחייבות צו העלפן פאַרווירקלעכן דעם אייביק צעשיינטן אידעאַל פון מענטשלעכער באַפרייונג, צוזאַמען מיט אירע שפעדיק־שטראָמעדיקע קולטורווערדיקייטן מיט זייער נאַציאָנאַלער אייגנדיקייט און שאַפערישער קוואַליקייט, אַז זיי זאָלן האָבן אַ האַפטיקן באַשטאַנד אויף דורות.

מיר מוזן מיט אַלע כוחות קעמפן און אָפהיטן די נאַציאָנאַלע אייגנקייט און דעם קולטור־שאַפערישן פאָטענציאַל פון ייִדיישן פאָלק און פון דער אַרומיקער וועלט בכלל. אמתע פרייהייט הייסט פריי זיין פון שיעבוד און צוואַנג פון דרויסן, די סובסטאַנץ פון עטאָס מיט זיין מהות און תמצית.

דערווייל איז דער קלעם אין דעם פעלקער־אַרום גרויס, אָבער דער אידעאַלער צוזאָג אויף להבא מיט זיינע מאָראַלישע התחייבותן פון אונדזער דור פאַרלאַנגען אַ נייעם און פאָזיטיוון דרך, כדי אַרויסצוקומען פון דעם היינטיקן פלאָנטער און כאַאָטישן מצב. לאָמיר דערפאַר ווייטער אָנגיין מיט אונדזער קאַמף און האָפן אַז דער אידעאַל פון אַ הומאַנער באַפרייונג פאַרן כלל מענטשהייט וועט זיך נאָך לאָזן פאַרווירקלעכן. הלוואי טאַקע בקרוב אין אונדזערע טעג.

לאָנדאָן, סיון תשד"ם.

משה שקליאַר

# פאַר דיין רו

דינהלען געווידמעט

## וועק-ליד

עפן די אייגעלעך, דינה,
גענוג שוין געווען פאַרשטעלט —
כ'וועל אפשר אין זיי אָפּגעפינען
מיין ווידערגעבוירענע וועלט.

מיין הימל אויפסניי ווערן בלויער
וועט אין דיין בלאָנדזשענדן בליק
און ער וועט פאַרטרייבן מיין טרויער,
צעצינדן אַ פלעמל פון גליק.

עפן די אייגעלעך, דינה,
מיט זיי זיך צעעפנט די וועלט,
מיין זון כ'וועל אין זיי אָפּגעפינען,
מיין שטערן, וואָס ערגעץ נאָך העלט.

## ד"ר יעקב מייטליס איז געשטאָרבן אין לאָנדאָן

דער באַקאַנטער שרייבער, עסייאיסט און ליטעראַטור־פאָרשער, יעקב מייטליס, איז געשטאָרבן אין לאָנדאָן, אויגוסט 17, 1984, אין עלטער פון 84 יאָר.

ד"ר מייטליס איז געבוירן געוואָרן אין 1900 אין מערדזשעיעוו, לעבן סאָסנאָ, וויץ, פוילן. ער האָט געלערנט אין חדרים, אין וועלטלעכע לימודים ביי פּריוואַטע לערערס, שפּעטער האָט ער געענדיקט אַ מיטל־שול.

ער האָט מיטגעאַרבעט אין אַ צאָל דייטשע צייטונגען און זשורנאַלן, ביז די נאַציס זיינען געקומען צו דער מאַכט. אונטער פאַרשיידענע פּסעוודאָנימען האָט ער פאַרעפנטלעכט אַרבעטן אין אַ צאָל יידישע צייטונגען און זשורנאַלן אין פוילן, ענגלאַנד ווי אויך אין אַמעריקע.

מייטליס איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „חשבון". (זיין לעצטער אַרטיקל דערשיינט אין דעם נומער).

יעקב י. מייטליס האָט געקראָגן זיין דאָקטער דיפּלאָמע פון טורינגען אוני־ווערסיטעט.

# ליכטיק

מײַן אײניקל, דינהלע, ליכטיקט אויף מיר
און כ'קאָן נישט באַשײדן מיט וואָסער קאָליר.

איך ווײס, עס איז בלאָ, נאָר ס'איז העלער ווי בלאָ,
און אפשר איז גאָר אַזאַ פאַרב נאָך נישט...

זי האָלט ערשט אין ווערן אין אויגן די צוויי,
און איך ווער נישט מיד גאָר פון קוקן אין זײ.

מײַן אײניקל, דינהלע, רעדט צו מיר רייד,
וואָס זי בלויז אַליין אין דער וועלט זײ פאַרשטײט.

נאָר טײמאָל מיר דאַכט, ס'איז באַקאַנט מיר דער קלאַנג —
אַ ליד, וואָס געהערט כ'האָב פון לאַנג שוין, פון לאַנג.

נאָר דינהלעס ליכט כ'האָב שוין דעמאָלט געזען,
ווען כ'בין נאָך אַליין אפשר דאָ נישט געווען.

## איך פיר דיך פאַר דײַן האַנט

איך פיר דיך פאַר דײַן האַנט, מײַן קינד,
אויף הארטן באָדן
און ווי אַ זעגל אינעם ווינט
מיט פרייד כ'בין אָנגעלאָדן.

זי קומט, די פרייד, צוריק,
נאָך לאַנגע, שווערן יאָרן —
אַ שמייכל בלויז, אַ בליק,
און כ'ווער אויפסניי געבאָרן.

מיר דאַכט זיך, אַז איך גײ
אויפסניי דעם ליכט אַנטקעגן,
פאַרשווונדן ווערט דער וויי
מיט דײַנע טריט אויף וועגן.

און כ'ווייס שוין נישט אַליין
ווער ווען ס'פירט, מײַן קינד,
נאָר סיי ווי בלײַבן שטיין
געוועזן וואָלט איצט אַ זינד.

## פאַר דײַן רו

געקימען מיט אַ בלויען בליץ
און אַ געבעט
ווי אויסגעקריצט
אין בלויען ליכט —
באַהיט, באַשיץ - - -
און אַ געפּאָך
פון הענטלעך צוויי
וואָס זוכן ערגעצווו
אַ דו.

און איך,
איך שטרעק צו דיר
מײַן שיצנדיקע האַנט,
וואָס איז אַרויס פון פײַער־בראַנד
און גרייט איז ברענען
נאָך אַ מאָל
פאַר דײַן רו,
מײַן קינד.

שאול מאַלץ / ניו־יאָרק

# לידער פון גלויבן

## א. אַ תפילה

שענק אונדז דאָס קריסטאַלענע ליכט פון טעג,
באַשירם אונדז פון דער קללה פון נויט.
געקומען זענען מיר מיט גופים — ביין און הויט,
און געקליבן האָבן מיר אויף יעדן וועג
די שאָלן פון חלומות; די ווינטן, אין געיעג,
האָבן געשמיסן אונדזערע לייבער. די קרישקעס ברויט
האָט מען אונדז ניט פאַרגינען. אַ פלויט
האָט אונדז אָפּגעשיידט פון זעטיקע טעג.

טאָ פאַרנעם מיט לויטער רחמים די רייד
וואָס דיינע געפּלאָגטע קינדער איצט בעטן;
ווי לאַנג קען פּיין אונדזערע גופים קנעטן?
בלויז דו קענסט געבן אונדזער לעבן אַ באַשייד.
בלויז דו קענסט אונדז צום חלום דערהויבן,
אַז אויפגיין זאָלן מיר צו דיר פול מיט גלויבן.

## ב. פאַרנעם מיין ליד...

פאַרנעם מיין ליד, ליבער לייענער,
דאָס ליד האָט אַ טרוימער פאַרטראַכט.
דאָס ליד איז וועגן זונליכט פון טאָג
און אַ שנירל פּערל פון שטערן ביינאַכט.

קום מיט מיר אויף ווייטע וועגן,
וווּ דער הימל באַהעפט זיך מיט דער ערד.
מיר ווילן זיין אַ טייל פון דער יצירה,
אויב ס'זאָל אונדז נאָר זיין באַשערט.

פון יענעם אָרט איז אויפגעגאַנגען
דער פלאַם פון סנה און גאָטס וואָרט.
קומען מיר מיט אונדזער בענקשאַפט
ביינאַנד הייליקן פון דאָס נײַ דאָס אָרט.

מיר קומען מיט אונדזערע באַגערן,
זיך אַנקערן ווי ווערבע־שטאַמען;
באַנעמען גאָטס וואָרט אין זוהאַרן גלויבן
און שטייגן צוזאַמען מיט פרימאָרגן־פלאַמען.

**לילי בערגער / פּאַריז**

# דער חוב

(דערציילונג)

בערל קאַנטאָראָוויטש איז אַריין צו זיין לאַנדסמאַן, צום שרייבער יוסף לייזעראָוויטש, מיט אַ גרימאַסע אויפן פּנים וואָס האָט קיין גוטס נישט פאָרויסגעזאָגט. אַ טבע אַזאַ ביי אים, אַז ער דאַרף אָנזאָגן אַ שלעכטע בשורה פאַלט זיך אויס אויפן געזיכט אַ גרימאַסע, וואָס איז ענלעך צו אַ ביטער שמייכעלע. סתם האָט ער נישט ליב אָנצוזאָגן אַ שלעכטע בשורה און איידער ער זאָגט זי אָן פאַרקריכט ער אויף זייטיקע וועגן.

— אַ וועטער היינט, אַן עבירה אַ הונט אַרויסצוטרייבן. צום בעסטן איז היינט צו זיצן אין שטוב, ווי דו, זיך צולייגן אַ ביסל.

— ווער האָט דיך אַרויסגעטריבן פון שטוב? ווער לאָזט איך נישט זיך צולייגן?

— עפּעס האָט מיך טאַקע נישט געלאָזט.

— וואָס פאַרא עפּעס?

— האָסט נישט געהערט די נייעס?

— וואָסערע נייעס ווידער? — האָט פאַרשלאָפענערהייט געפרעגט דער שרייבער, וואָס האָט זיך אויפן קלונג פון גלעקל אויפגעכאַפּט פון אַ נאָכמיטאָגדיקן דרימל.

— כ'האָב דיך איבערגעריסן דעם שלאָף, וואָס?

— איבערגעריסן צי נישט איבערגעריסן, אין דער צייט קומסטו קיין מאָל נישט. ס'איז אויך נישט דיין טאָג. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ס'איז נישט זייער גאַסטפריינדלעך און אָנגעהויבן זיך צו פאַרענטפערן:

— כמעט אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. געזעסן נעכטן ביז שפּעט אין אָונט מיטן באַלעבאָס פון דער דרוקעריי, גערעכנט אפשר, אפשר נאָך קענען אַרויסגעבן אַ בוך, ס'ליגט דער מאַנוסקריפּט פון לאַנג שוין, געהאַט זיך אפילו געיִשובֿט צי נישט פריער דאָס. נו, איז נייע צרות, ווידער אַ העכערונג, דערצו איז ער אַ גאַנצער יחסן, ער איז דאָ אין זכר אין מאָסקווע, וואַרפט דאָס פּעקל פאַרן טיר, גיט עצות: „פאַרוואָס זאָלט איר בעסער נישט אַרויסגעבן אין ישראל?" גיי דערצייל אים מעשיות, אַז אין ישראל גייט אַלץ אויף דאָלאַרן און דער דאָלאַר שפּרינגט פון טאָג צו טאָג. נאָך דעם לאַנגן שמועס מיט אים, נאָך דעם חשבון וואָס ער האָט מיר געמאַכט, אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. דוכט מיר איך מעג זיך שוין אָפּגעזעגענען פון אַרויסגעבן נאָך אַ בוך, אפילו מיט דער צוגעזאָגטער, נעבעכדיקער הילף פון מיין סאָסייעטע.

— האָסטו געוואָלט דיר אָפּנעמען דעם ביינאַכטיקן שלאָף און איך האָב דיך מיט מיין קלונג אויפגעוועקט?

— איך בין דען געשלאָפן? כ'האָב איינגעדרימלט אַריינקוקנדיק אין דער צייטונג. נו, זעץ זיך, וואָס שטייסטו ווי דו וואָלסט געוואָלט אַנטלויפן?

— כ'האָב טאַקע שיער נישט געוואָלט אַנטלויפן, דערזעענדיק דיך אַ פאַרשלאָפענעם, בפרט ס'איז נישט מיין טאָג.

— איז וואָס איז געשען וואָס ביסט אַריינגעפאַלן ווי אַ יוון אין סוכה? דיר אָנזאָגן אַ נייע נייעס.

— וואָסערע נייעס? וואָס, ס'איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה?

— דערווייל נישט. וואָלט אויסגעבראָכן אַ מלחמה וואָלסטו דיך דערוויסט פריער פון מיר פון דער ראַדיאָ, פון דער טעלעוויזיע. איר הערט נישט דעם ראַדיאָ אין דער פרי און ביי מיטאָג ווי דו.

— איז וואָס געשען וואָס דער ראַדיאָ גיט נישט איבער?

— איך זע, אַז דו ביסט נישט קיין היגער.

— זאָג מיר שוין די נייעס, צי נישט אַרויס די נשמה!

— די ליטוואַטשקע האָט שוין אָפּגעדאַוונט...

— וועלכע ליטוואַטשקע?

— וואָס הייסט וועלכע? ס'זענען דען פאַראַן הי אַ סך ליטוואַטשקעס מיט וועל-

כע איך פיר געשעפטן צוליב דיינע ביכער? שרהלע די ליטוואַטשקע, שרהלע פעלדמאַן.

— וואָס הייסט זי האָט אָפּגעדאַוונט?

— ווייס נישט וואָס דאָס מיינט? זי האָט צוגעמאַכט אַ אויג און פאַרטיק.

— וואָס, זי איז געשטאָרבן?

— הייבסט אָן צו פאַרשטיין.

— וואָס רעדסטו? ווען? ווי אַזוי? כ'האָב זי דאָך אייערנעכטן געזען אויף דער „מאַרשע“, כ'האָב איר געוואָלט דערמאָנען אינעם חוב, נאָר זי האָט זיך געאיילט, געלאָפן מיט צוויי אָנגעפּראָפּטע קוישלעך און איך האָב נאָך געדאַרפט איינקויפן, האָב איך איר געלאָזט לויפן.

— איך האָב זי נאָך שפּעטער געזען, אייערנעכטן איז אָוונט.

— איז וואָס געשען?

— וואָס געשען? זי איז אַרויס נעכטן אין דער פרי פון שטוב, אַראָפּגעפאָרן מיט דער „ווינדע“, אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט אין דרויסן, זיך אומגעקערט, געוואָלט צוריק נעמען די „ווינדע“, עפּעס אַ מורמל געטאָן צו דער קאָנסיערזשקע און אַוועקגעפאַלן. אַז די קאָנסיערזשקע האָט געזען ס'איז שלעכט, האָט זי געקלונגען צום דאָקטער פון דער קאַרטיע, ער איז גלייך געקומען, נאָר ס'איז שוין געווען נאָך אַלעמען. דער דאָקטער האָט געזאָגט, אַז ס'איז אַ גוטער טויט, ס'האָט געדויערט מסתמא אַ סעקונדע, דאָס האַרץ האָט זיך גיך אָפּגעשטעלט און פאַרטיק. האָט די קאָנסיערזשקע געקלונגען אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט.

— אוי וויי, אַזאַ מעשה! זי האָט אויסגעזען אַזאַ געזונטע און אויך נישט קיין אַלטע.

— נאָענט צו זיבעציק איז זי שוין געווען, נאָר נישט אויסגעזען.

— איז וואָס אַז נאָענט צו זיבעציק? פרויען לעבן היינט לאַנג, אַ סך לענגער ווי מענער. מיינע איז קראַנק געווען, לאַנג געקרענקט. אָבער די שרהלע האָט שטענדיק אויסגעזען אייזן־שטאַרק.

— גיי האָב אַ טענה צום רבונו של עולם; מיט אַן אָוונט פריער, ווען כ'האָב זי געזען האָט זי ווי שטענדיק אויסגעזען ריזידיק.

— האָסט כאָטש אָפּגענומען דעם חוב?

— דאָס פאַרדריסט מיר טאַקע, כ'האָב נישט אָפּגענומען.

— פאַרן איינעם בוך מיט דער דעדיקאַציע, פאַר איר אויך נישט?

— אויך נישט. מיינסט כ'האָב נישט געמאָנט? אַנומלט אין אָוונט ווידער געמאָנט, געזאָגט איר, אַז אויב זי האָט נאָך נישט פאַרקויפט די 10 ביכער, זאָל זי דערוויל באַצאָלן פאַרן איינעם, וואָס כ'האָב איר געבראַכט מיט אַ דעדיקאַציע אַזוי ווי זי האָט געוואָלט. „כ'האָב פונקט ביי זיך נישט קיין געלט.“ ביי איר אַרויסצוקריגן אַ פאַר פראַנק איז געווען פונקט ווי צו צאַפּן פון אַ שטיין וואַסער. מיינסט נאָר פאַר אַ בוך? פאַר אַ בילעט אין טעאַטער, פאַר ענלעכע זאַכן דאָס זעלבע געווען.

יוסף לייזעראָוויטש האָט זיך אַ רגע פאַרטראַכט, דערטראַכט זיך און געוואָנדן זיך צו זיין לאַנדסמאַן:

— ווייסטו וואָס? קענסט גוט די קאָנסיערזשקע, זי האָט זיכער אירע שליסלען, דערצייל איר, אַז דו האָסט ביי דער געשטאָרבענער אַ צענדליק ביכער און ווילסט זיי אַרויסנעמען.

— חכם מיינער, אויף דער זעלבער חכמה בין איך אויך געפאַלן. אָבער די פּאָליציי איז געקומען נאָך איידער מ'האָט די געשטאָרבענע אַוועקגענומען אין מעדיצינישן אינסטיטוט, ווי ס'פירט זיך ווען עמעצער שטאַרבט פּלוצלינג אויפן גאַס. הכלל, די פּאָליציי האָט גלייך צוגענומען די שליסלען, געלייגט אַ פּיעטשאַט אויף דער טיר און פאַרטיק. די געשטאָרבענע האָט נישט קיין משפחה, קיין יורשים, ירשנט די מלוכה, אפשר דער מאַגיסטראַט. דו מיינסט נאָר דאָס וואָס אין שטוב? די פּאָליציי האָט גלייך דורכגענישטערט אין די שופלאָדן, געפונען אירע פּאַפּירן פון באַנק, יענע אַפּותיקו.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס?

— די קאָנסיערזשקע איז געווען דערביי, זי האָט מיר געזאָגט, אַז אַ וואַזשנע אַפּותיקו, אפילו אַ צייגעניש אויף גאָלד. און די דירה אויך איר אייגענע, אַ ווילע אין ברינואַ אויך פאַראַן. אַלץ געהערט איצט צו דער מלוכה, אפילו דיינע צען ביכער, דיינע עטלעכע ביכער מיט די

דיעדיקאַציעס, נאָר די ביכער וועלן זיי מסתמא אַרויסוואַרפן, דאָס רעכנט מען נישט אַריין אין פאַרמעגן וואָס ווערט קאָנפיסקירט.

— פון וואַנען האָט אַזאַ ווייבל אַזאַ פאַרמעגן?

— וואָס ווייסטו וואָס אַזעלכע מענטשן פאַרמאָגן. מיינסט זי איז די איינציקע?

— פאָרט פון וואַנען?

— אַ פשוטער חשבון: אַ דייטשע פענסיע—נומער איינס; אַ פענסיע פאַרן מאַן, וואָס איז פאַרבליבן אין אוישוויץ—נומער צוויי; דאָס געוועלב וואָס דער מאַן האָט איבערגעלאָזט, האָט זי ווייטער געפירט ביז מיט אַ פינף יאָר צוריק—נומער דריי; די דייטשע אַנטשיידיקונג האָט זי פלאַסירט ווען דירות געגען געווען ביליג, נו, האָט זיך אָנגעקליבן. נאָר דאָס אַרט מיך נישט, אַדרבא, זאָלן יידן נישט זיין קיין אביונים. פאַרוואָס אָבער איז פון אַזעלכע אַזוי שווער אַרויסצורייסן אַ פאָר פראַנק? און צוריק געשמועסט, וואָס האָט זי געמיינט די שרהלע, זי וועט אייביק לעבן? זאָל מען אָננעמען ס׳איז איר נישט איינגעפאַלן אַז זי וועט פלוצלינג באַקומען אַ האַרצשהלאָג. ווי גיט עס אַ מענטש נישט אַ טראַכט, אַז מען לעבט נישט שטענדיק? אַז מ׳האָט נישט קיין יורשים איז דען נישט קראַנטער, בכבודיקער אַז דאָס פאַרמעגן זאָל אַריינפאַלן אין יידישע הענט? פעלט דען יידישע אינסטיטוציעס? מ׳קאָן דאָך אָפּשרייבן, זאָל מען אָננעמען, פאַר אַ יידישן עלטער־הויז, אַז אין פאַל... איין פאַרשוין פון דער „מערי״, דוכט מיר אַ ספּעציאַליסט אויף די זאַכן, האָט געזוכט אין אַלע שופלאָדן אַ טעסטאַמענט, עפּעס אַ צוואה — גאָרנישט געפונען. נו, געהערט אַלץ צו דער מלוכה. דו מיינסט זי איז די איינציקע אַזאַ...?

לייזעראָוויטשן איז די טענה צו דער פאַרשטאָרבענער געוואָרן אַ ביסל פאַרדריסיק. אַ מענטש שטאַרבט אַוועק דאַרף מען אים נישט באַרעדן. ער גופא האָט מיט איבער צוויי יאָר צוריק געהאַט אַן אומגליק — דאָס ווייב איז אים אַוועקגעשטאָרבן. דאָס אומגליק איז נישט געקומען פלוצלינג, זי האָט אַ שטיקל צייט געקרענקט. זיינע האָט שטענדיק איינגעקאַרגט, געווען די פרנסה־געבערין, דאָס גאַנצע לעבן געאַרבעט ביי שניידעריי, ער זאָל קענען זיין אַ שרייבער. פון זיין שרייבעריי איז שטענדיק געווען וואַסער אויף קאַשע. וואָלט ווער געזאָגט וועגן זיין ווייב אַ שלעכט וואָרט, געוואַגט צו דערמאָנען איר איינקאַרגן, וואָלט ער עס נישט פאַרטראָגן. נאָך איר טויט געבליבן אויפסניי אַ יתום. ווען נישט די דייטשע פענסיע און זיין שטענדיקער מוכר־ספרימניק, זיין לאַנדסמאַן בערל קאַנטאָנאָוויטש, ווער ווייסט וואָס פון אים וואָלט געוואָרן.

אַז דאָס ווייב האָט נאָך געלעבט, פלעגט ער אויך פון מאָל צו מאָל זיין אָפּשטאַטן אַ וויזיט, אפילו ווען ס׳איז נישט געווען צו פאַרשפּרייטן אַ בוך. אַ לאַנדסמאַן, אַ שרייבער קומט אים דאָס. זינט דאָס ווייב איז אים געשטאָרבן זענען די וויזיטן געוואָרן רעגלמעסיקע — שבת אין דער פרי און מיטוואָך אָוונט. ס׳זענען זייערע טעג. געשעט עפּעס ביי איינעם גיט מען זיך צו וויסן. אַז לייזעראָוויטש גיט אַרויס אַ בוך, ווערט ביי בערלען גרויס־סעזאָן. נישט נאָר ער אַליין טראָגט אַרום דאָס בוך איבער יידישע באַקאַנטע שטובן. ער האָט זיך איינגעשאַפן עטלעכע מיטהעלפערס. איינע פון זיי איז געווען זיין שכנטע שרהלע די ליטוואַטשקע. ווען זי האָט נאָך אָנגעפירט מיטן געוועלב איז זי מעשה בערלס שכנה איינגעגאַנגען ער זאָל לאָזן אַן אויפגעפאַקט פעקל ביכער אין קראָם אויף אַ טישל, ס׳זאָל זיין אָנזעעוודיק. אַ יידישן קונה האָט זי, אויב ס׳האָט זיך געלאָזט, אַריינגעשטעקט אַ בוך. זינט זי האָט ליקווידירט די קראָם, טראָגט איר בערל אַרויף אין שטוב אַ פעקל ביכער. אַן אַמאָליקן יידישן קונה האָט זי אַריינגעשטעקט אַ בוך, איי ס׳האָט געדויערט לאַנג דאָס פונאַנדערטיילן, איי בערל האָט געדאַרפט אַ סך מאָל מאָנען אַרויסצוקריגן די פאָר פראַנק, איז מילא, אַ יידישער שרייבער מוז אַלץ אויסשטיין.

דאָס לעצטע בוך איז אָבער געגאַנגען ביי איר מיט דער פוטער אַראָפּ. שרהלען האָט זיך פאַרגלוסט צו מאַכן אַ לאַנגע נסיעה, אָדער ווי זי האָט געזאָגט, אַ רייזע איבער דער וועלט. אַ מאָדע געוואָרן אַזאַ

צן מאַכן רייזעס איבער דער וועלט. און ווען דען אויב נישט ווען מען גיט אויף די באַשעפּטיקונגען? הכלל, שרהלע האָט אַזוי לאַנג געזוכט ביז זי האָט אָפּגעפונען דעם מאַנס אַ צווייטע קרובה אין קאַנאַדע, איר אָפּגעשריבן אַ בריוו אַזוי און אַזוי און געלאָזט זיך צו איר. פאַר איין וועגס איז זי אָפּגעטראָטן צו אַ לאַנדסמאַנקע אין ניו־יאָרק, צוריקגעקומען אַ פאַרמאַטערטע אָנהייב זומער, איבערגעזמערט אין איר ווילע אין ברינוואַ און דאָס פּעקל מיט די צען ביכער איז געבליבן פאַרפּאַקט.

— ס׳ברענט נישט, ס׳איז נישט קיין סעזאָן־סחורה, אַ קלייד, אַ מאַנטל, וואָס גייט אַרויס פון דער מאָדע. נישט איצט, וועט מען עס אם ירצה השם פאַרטיילן די ביכער אפילו דאָס קומענדיקע יאָר. ווי גיך ס׳וועט אונטערקומען אַ בעלן אויף אַ בוך, וועל איך מיינס טאָן, אַריינשטעקן אין האַנט צי ער קאָן יאָ צי נישט באַלד אויפן אָרט באַצאָלן, איך האָב טייל מאָל מיין סחורה אויך געגעבן אויף קרעדיט. זאָגט אייער שרייבער ער זאָל זיך נישט אָפּעסן די גאַל, די ביכער וועלן זיך ביסלעכווייז פונאַנדערגיין.

אַזוי פלעגט זי יעדעס מאָל ענטפערן בערלען ווען ער האָט געקלונגען צו איר וועגן די ביכער.

בערל וואָלט נאָך איצט דערציילט און דערציילט זיין לאַנדסמאַן וועגן די צרות וואָס ער האָט געהאַט מיט זיין שכנטע, די שרהלע ליטוואַטשקע ווען זי האָט געדאַרפט פאַרקויפן אַ פּעקל ביכער און ווי ס׳איז אָנגעקומען מיט גרינע ווערים אָפּצונעמען פון איר דאָס ביסל מזומן. אָבער יוסף האָט אַ זאָג געטאָן:

— לאָז שוין געמאַך, אַ מענטש פאַלט אַזוי אַוועק און שטאַרבט אָפּ, טאָ זאָל מען זי לאָזן רוען אין קבר, זאָל איר די ערד...

— וואַרט, וואַרט, זי קומט נישט אַזוי גיך אין קבר. צי ווייסטו וואָס דאָס איז דער מידיצינישער אינסטיטוט? פאַר זיי דאָרט איז אַן אַוועקגעפאַלענער אין דרויסן וואָס די פּאָליציי ברענגט צו זיי, אַ גאַנצע מציאה, זיי האַלטן אים טייל מאָל אָפּ ביז אַ צוויי וואָכן און מער צו מאַכן זייערע מעדיצינישע פאָרשונגען. אַז ס׳איז פאַר

ראַן משפחה קאָן מען אָנפרעגן ביז ווען, מען מאַכט אַ ווענדונג אַרויסצוגעבן דעם בר־מינן וואָס פריער צוליב דער לוויה. דאָ אָבער איז קיינער נישטאָ זיך צו פאַרנעמען מיט דער לוויה. ווייסט וואָס ס׳קאָן נאָך געשען? מ׳וועט זי מסתם מקבר זיין אויפן אַלגעמיינעם צמענטער פאַר אָרעמע. וואָלט זי געהאַט אַ סאָסייעטע וואָלט די סאָסייעטע זיך פאַרנומען. איז זי דאָך פון אַ פיצל פאַרוואָרפן שטעטעלע היבּטער קאָנע. כ׳האָב איר געהאַט געעצהט צו געהערן צו דער ווילנער סאָסייעטע, ווייסטו וואָס זי האָט געענטפערט? „וואָס גייען מיר אָן די ווילנער און וואָס גיי איך זיי אָן, אַבי איינצאָלן געלט!"

— אוי ווייַ, וויי, ווי דער מענטש קען נישט דעם מענטשלעכן גורל: היינט איז ער אַ גאַנצער תקיף און מאָרגן אַ בר־מינן, שטויב. קוהלת איז גערעכט געווען: אַלץ הבל הבלים — האָט יוסף לייזעראָוויטש פילאָסאָפיש - מעלאַנכאָליש אויסגעזיפצט.

בערל קאַנטאַנאָוויטש האָט נישט ליב צו פילאָסאָפירן, פאַרטראָגט אויך נישט ווען אַנדערע פילאָסאָפירן. ער איז אַ מענטש אַ פראַקטישער, האַלט אַז אַ מענטש דאַרף זיך פירן ווי אַ מענטש, דאַרף האַלטן מיט זיך אַ מענטשלעכן חשבון; ער קאָן נאָך איצט, נאָך איר טויט נישט מוחל זיין דער שרהלען איר קאַרגשאַפט, דער עיקר דעם חוב, וואָס זי איז אים געבליבן שולדיק פאַר איר בוך מיט דער דעדיקאַציע. יוספן גייען מער אָן די צען ביכער:

— זאָל מען בעסער געבן אַ טראַכט וואָס צו טאָן אַרויסצוקריגן דאָס פּעקל ביכער! אפשר זאָל איך גיין מיט דיר אין דער „מערי", אָדער פריער צו דער קאָנסיערזשקע זיך דערקונדיקן צו וועמען מען דאַרף זיך ווענדן?

— ווער וועט זיך איצט פאַרנעמען מיט דיין פּעקל ביכער? מיט דער קאָנסיערזשקע, האָב איך שוין גערעדט. זי האָט געהויבן מיט די אַקסלען. צוריק געשמועסט, וואָס גייט דיר אַזוי אין לעבן אַרויסצוקריגן די ביכער? ס׳פעלט דיר אויס ביכער?

— איך וויל נישט מ׳זאָל ערגעץ אַרויס־

וואַרפן מיינע ביכער זיי זאָלן זיך וואַלגערן אויפן מיסט, פאַרשטייסט צי נישט?!

— פאַרשטיין פאַרשטיי איך אַז דו ווילסט, אָבער האָסט אַ ברירה? אַדרבא, גיב אַן עצה וואָס צו טאָן.

— כ’האָב דאָך דיר געזאָגט מיין עצה: קום מיט מיר פריער צו דער קאָנסיערזשקע, ביסט אַ פאַן־בראַט מיט איר, דערנאָך וועלן מיר גיין ווייטער, צו עמיצן אין דער „מערי“, אָדער אַנדערשוווּ. די קאָנסיערזשקע וועט אונדז זאָגן פון וואַנען מ’איז געקומען, איך וועל זיי ווייזן מיין לעגיטימאַציע פון שרייבער־פאַראיין, כ’וועל אויך מיטנעמען מיין קאָמבאַטאַנטן קאַרטע, ס’איז אויך עפּעס ווערט; כ’האָב נאָך לעגיטימאַציעס, דאָס פעלט מיר ניט. אויף מיינע ביכער איז דאָך דייטלעך אויפגעשריבן מיין נאָמען אין פראַנצויזיש, אַ באַווייז אַז דאָס זיינען מיינע. וועלן זיי ניט לאָזן אַרויסנעמען מיינע עטלעכע ביכער מיט די דעדיקאַציעס, וואָרעם ס’איז דער געשטאָרבענערס אייגנטום — איז פאַרפאַלן. מ’זאָגט זיי מאַכן אַן אויספאַרקויף. אפשר וועט זיך געפינען אַ יידישער בעלן אויף אַ בוך מיט אַ דעדיקאַציע. אָבער דאָס פעקל מיט די צען ביכער וועלן זיי זיכער אַרויסוואַרפן, ס’וועט זיין ביי זיי די ערשטע כפרה. פאַרן אויספאַרקויף סאָרטירן זיי אויס, וואַרפן אַרויס אַלץ וואָס האָט נישט קיין ווערט אין זייערע אויגן, וועלן זיי זיך צאַצקען מיט אַ פעקל יידישע ביכער? דאַרף מען באַצייטנס זען זיי אַרויסצוראַטעווען.

בערל האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס. מ’קאָן שוין דאָס פעקל ביכער צורעכענען צום חוב. די קאָנסיערזשקע האָט אים געזאָגט, מ’האָט איר נישט געלאָזט אַרויסנעמען פון קיך איר פאַרטוך, וואָס זי האָט געלאָזט ווען זי האָט ביי דער שרהלען אָפּגעפּוצט די שויבן. זאָל זיך יוספן דאַכטן אַז די ליטוואַטשקע האָט יאָ פאַרקויפט זיינע צען ביכער און האָט נישט באַוויזן אָפּצוגעבן דאָס ביסל מזומן, פונקט ווי זי האָט נישט אָפּגעגעבן פאַר איר בוך מיט דער דעדיקאַציע. איז גיי מאָן אַ חוב ביי אַ געשטאָרבענער.

פון דעסטוועגן איז בערל מיטגעגאַנגען מיט זיין לאַנדסמאַן צו דער קאָנסיערזשקע. זי האָט ווידער געהויבן מיט די אָקסלען. וואָס וויל מען פון איר און וואָס ווייסט זי ווער ס’איז דאָ אַלץ געווען. זי ווייסט בלויז, אַז מײַטאָר גאָרנישט רירן, אַ סימן מ’האָט פאַרחתמעט די וווינונג, ס’ליגט אויף דער פאַרשלאָסענער טיר אַ גרויסע רויטע חתימה. זיי ווילן גיין אין דער „מערי“, זאָלן זיי גיין, נאָר זיי זאָלן זיי נישט אַריינמישן, זי ווייסט נישט צי יאָ צי נישט פאַראַן אַ פעקל ביכער, זי קאָן נישט זיין קיין עדות.

בערל האָט זיך געבעטן ביי זיין לאַנדסמאַן ער זאָל אָפּלאָזן די גאַנצע מעשה, זאָל זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ דאָס פעקל ביכער, ווידער איבערגעחזרט ער זאָל זיי צורעכענען צום חוב.

— גזלן איינער, ס’אַרט דיך נישט, אַז מיינע ביכער וועלן זיך ערגעץ וואַלגערן אין מיסט?

— און אַז ס’אַרט מיך יאָ, העלפט דאָס? ס’פאַרדריסט מיך שוין וואָס כ’בין געקומען דיר אָנזאָגן די גוטע נייעס, געדאַרפט דערוויל מאַכן אַ שווייג...

ער האָט אָבער דערזען יוספס צעווייטיקט פנים און געוואָרן נאָכגיביק:

— ווילסט דווקא, טאָ לאָמיר גיין אין דער „מערי“, מיר’ן נעמען דעם אויטאָבוס, אין גאַנצן דריי סטאַציעס.

יוספן איז געוואָרן גרינגער אויפן האַרץ און אַז ער האָט שוין איינס געפועלט ביי זיין לאַנדסמאַן איז ער ווייטער צוגעשטאַנען:

— בערל, כ’בעט דיך, דו וועסט אָנהייבן, דו האָסט אַ מער געשליפענע צונג ווי איך, בפרט אין פראַנצויזיש.

— כ’ווייס, כ’ווייס, אַז דו ביסט אַ גרעסערער בריה מיט דער פעדער ווי מיט דער צונג.

די שטימונג האָט זיך ביי ביידע געביטן, געוואָרן דערהויבענער. ס’האָט זיי צוגעגליקט, ס’איז אָנגעפאָרן דער אויטאָבוס. אין דער „מערי“ אָבער זענען זיי געגאַנגען פון איין „סערוויס“ אין אַנדערן ביז זיי זענען אָנגעקומען צו אַ פרוי, וואָס האָט באַוויליקט צו העלפן זיי אויסגעפינען דעם אַנטשפּרעכנדן באַאַמטן, געפירט זיי דורך אַ לאַנגן, געדרייטן קאָרידאָר ווי דורך אַ לאַבירינט, צוגעפירט צו אַ טיר,

אויפגעמאַכט, אַריינגעשטעקט אין דער אָפענער טיר דעם קאָפּ, אַ שמייכל געטאָן צום יונגנמאַן פאַרן ביוראָ־טיש און פאַר־שווונדן.

בערל האָט געהאַלטן וואָרט, געווען דער בעל־מדבר, דערציילט מיט פּרטים די מעשה מיט די צען ביכער פונעם שריי־בער וועלכן ער באַגלייט דאָ. יוסף האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געכאַפּט זיך צו דער בוזעם־קעשענע אַרויסצוציען אַלע זיינע לעגיטימאַציעס. בערל האָט דעם שווייגנדיקן באַאַמטן ווייטער מודיע גע־ווען, אַז די ביכער זענען נישט קיין באַ־צאָלטע, דער מחבר נייטיקט זיך אין זיי און בעט גנעדיק מ׳זאָל אים דערלויבן זיינע ביכער אַרויסצונעמען, אויב נישט באַלד די טעג, איז זאָל מען אים זאָגן ווען ער קאָן קומען נאָך זיי.

דער באַאַמטער האָט געדולדיק אויס־געהערט און פאַרוווּנדערט געפרעגט:
— וועגן וואָסערע ביכער האַנדלט זיך?
— וועגן אַ פּעקל יידישע ביכער, וואָס זענען פאַרבליבן ביי דער געשטאָרבענער.
— ביי וועלכער געשטאָרבענער?
— נו, כ׳האָב דאָך געזאָגט, ביי דער פעלדמאַן פון די פּירעניי.
— די, וואָס איז נעכטן אין דער פרי אַוועקגענומען געוואָרן אין מעדיציניש אינסטיטוט?
— יאָ, יאָ, ביי איר אין שטוב איז דאָס פּעקל ביכער — האָט בערל באַשטעטיקט.
— וועמענס זענען זיי די ביכער?
— דעם־אָ שרייבערס ביכער, אָט זע־נען זיינע לעגיטימאַציעס...
— זיינע ביכער? ווי קומען זיינע בי־כער צו אַ פרעמדער פרוי?

יוסף האָט געעפנט דאָס מויל, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר בערל איז אים פאַרלאָפן דעם וועג:
— איך האָב געלאָזט די ביכער ביי פרוי פעלדמאַן זי זאָל זיי פאַרקויפן, נאָר זי האָט נישט באַוויזן צו פאַרקויפן...
— די געשטאָרבענע האָט דען געהאַט אַ בוכהאַנדלונג? און איר, וואָס זענט איר, אַ בוכהענדלער?
— נייך נישט איך בין אַ בוכהענדלער, נישט די פעלדמאַן איז געווען אַ בוכ־הענדלערין, נאָר יידישע ביכער פאַרקויפן זיך אַזוי... דורך באַקאַנטשאַפטן...
— כ׳פאַרשטיי נישט וואָס דאָס מיינט, נאָר סיווי טאָר מען גאָרנישט רירן פון דער פאַרחתמעטער וווינונג ביז, ביז מ׳־וועט מאַכן דעם אינווענטאַר.
— ווי לאַנג קאָן דאָס דויערן?

— איך ווייס נישט, מסתמא אַ צוויי־דריי חדשים. מעסיע, ס׳ווערט שפּעט, די מערי שליסט זיך אין אַ צען מינוט אַרום, קומט אין אַ דריי חדשים אַרום וועט איר די זאַך אויפקלערן דעם, וואָס וועט זיך דירעקט פאַרנעמען מיט דער ליקווידאַ־ציע.

בערל האָט צוגעזאָגט זיין לאַנדסמאַן צו צוהיטן די זאַך און געהאַלטן וואָרט. אַרויפגעכאַפּט זיך פון צייט צו צייט אין שכנתדיקן הויז אַ קוק כאַפּן אויף דער פאַרחתמעטער טיר. צו וואָס זאָל ער אָבער קריכן אַהין יעדן טאָג? דער באַאַמטער האָט געהייסן וואַרטן וועט מען נאָך אַביסל צוואַרטן. קיין צוויי חדשים זענען נאָך נישט דורכגעגאַנגען. איז אָט אומגעריכ־טערהייט, אין אַ זוניקן נאָכמיטאָג, פאַר־בייגייענדיק דאָס הויז האָט אים די קאָנ־סיערזשקע אַ רוף געטאָן:

— מעסיע, מעסיע, היינט אין דער פרי אַרויסטראָגנדיק די „פּובעלס" איז איינע געווען אָנגעפּירט מיט פאַרשידענע שמאָכ־טעס, געווען דאָרט אויך ביכער אין עפּעס אַ מאָדנער שפּראַך, כ׳האָב אפילו געוואָלט אַרויסנעמען פון צווישן די שמאָכטעס אַ בוך, נאָר דער מיסט־קאַמיאָן איז שוין געשטאַנען פאַרן טויער, האָב איך זיך געמוזט צואיילן.
— וואָס, מ׳האָט שוין אויסגעליידיקט די דירה?
— אויסגעליידיקט נעכטן אין דער פרי, אַרויסגעוואָרפן אַ סך שמאָכטעס, ס׳האָט זיי מסתמא נישט געלוינט מיטצונעמען; דאָס איבעריקע, דאָס מעבל, קליידער, אפילו דאָס געפּעס אָנגעלאָדן אויף אַ גרויסן לאַסטוואָגן און אַוועק דערמיט, מסתם אין ליציטאַציע־הויז. אַזוי, אַזוי, אַז מ׳האָט נישט קיין יורשים, אפילו נאָ־ענטע באַקאַנטע קאָנען פאַר אַן אָנדענק גאָרנישט באַקומען.

בערל האָט אויסגעהערט די מעשה אַ צעדולטער. ער האָט פאַרשפעטיקט. אויב זיי וואָלטן אים די ביכער נישט אָפּגעגעבן, וואָלט ער זיי פון מיסט אַרויסגענומען. ס׳איז אָבער געשען דאָס, וואָס זיין לאַנדסמאַן האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט אויסמיידן. זאָל ער אים איצט דערציילן דערוועגן? אפשר גאָר מאַכן אַ שווייג? וועט ער אָבער אים כסדר דערמאָנען צו גיין זיך דערוויסן ווען ס׳עפנט זיך די פאַרחתמעטע דירה. שוין בעסער אייך מאָל פאַר אַלע מאָל פּטור ווערן פון דער געשיכטע. ער דאַרף אים דען דערציילן דעם גאַנצן אמת? יענעם נישט אָנצוטאָן קיין האַרץ־קלעמעניש מעג מען זאָגן אַ האַלבן אמת. כאָטש אַ האַלבער אמת איז אַ גאַנצער ליגנט. זאָגט מען דען נישט קיין ליגנט אויסצומיידן אַ מענטשן גרויס עגמת־נפש?

ער האָט זיין לאַנדסמאַן געטראָפן אַ צעטראָגענעם. ער האָט אים אָפּגעריסן פון שרייבטיש, ווו ס׳זענען געלעגן פריש־פאַרשריבענע בלעטלעך.

— כ׳זע גרייטסט ווידער עפּעס אַ נייע זאַך? ביסט פאַרטאָן אין שרייבן?

— וואָס דען זאָל איך טאָן אויב נישט שרייבן? מיינסט אַז ווייל די ליטוואַטשקע האָט אָפּגעהאַלטן די ביכער ביז זי איז אַוועקגעשטאָרבן וועל איך אויפהערן צו שרייבן? אָדער ווייל עס וואַלגערן זיך נאָך ערגעץ אַנדערש אַרום מיינע ביכער? מען שרייבט ווייל מ׳מוז שרייבן, עפּעס דערגייט דאָך פאָרט צו מענטשן. נישט אַלע זענען דאָך אַזוי ווי שרהלע די ליטוואַטשקע, וואָס האַלט אָפּ ביכער ביז זי שטאַרבט אַוועק. נו, וואָס הערט זיך עפּעס מיט דער פאַרחתמעטער דירה?

— זי איז שוין אויסגעליידיקט.

אויסגעליידיקט? אַלץ צגוועגנומען, די ביכער אויך?

— ווער ווייסט זיי. מ׳האָט זיי עפּעס געקאָנט קאָנטראָלירן? געקומען ווען ס׳האָט זיך זיי געגלוסט און אַלץ פאַרנומען. זיי האָבן זיך ביי שרהלען נישט אָנגעפרעגט ווען אויסצוליידיקן איר דירה...

— כ׳האָב דיר געזאָגט, קאָנסט זיי צורעכענען צום חוב.


לשנה טובה תכתבו ותחתמו

לאָס אַנגעלעסער
יידישער קולטור קלוב

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע אונדזערע מיטגלידער און פריינד
בכל מקום שהם.

תכלה שנה וקללותיה
תחל שנה וברכותיה

חיים פלאָטקין / ניו־יאָרק

# לידער

## ***

צו ק. ה.

כ׳האָב אים ווייגעטאָן
נישט ווילנדיקערהייט.
פון האַרץ, אָדערן וואָלט געריסן
און ווו מ׳דאַרף — פאַרנייט...

אים זאָגן פשוט, גאַרנישט שפּאָרן:
— כ׳האָב פאַרזאָמט די וואָך...
ס׳האָט פאַרבלאָנדזשעט פון מיין זכרון—
דאַנקבאַרקייט אַ סך!

אויב עס פעלט אין מייך הימל
די צויבערקייט פון שטערן,
ס׳איז דערפאַר, ווייל ס׳וואַרגט מיך היינט
אַ שנירל פון חרטה־טרערן...

(אָקטאָבער 20, 1978)

## אַ בליץ

אין די אותיות,
אין די שורות,
איך פיל איר ליידנשאַפט
אויפן בייגעלע פּאַפּיר:
איך לייען דעם בריוו
מער ווי איין מאָל
און עס פיבערט יעדער פינגער
פון מיינע צעציטערטע הענט.
זי רעדט צו מיר—
און פון איר אָטעם,
פון איר קול,
איך בלייב פאַרקלעמט —
און זי שטייט פאַר מיינע אויגן
און איך זע ז י —
אַ בליץ!

## אויב די זון

די קעפּ פון די בערג
מיט קרוינען גאָלדענע,
ווי פון זוניקן האַרץ —
צעגליטע שטראָמען.
און איבער זיי
די וואָלקנס שווימען
אין צעשויבערטע פלאַמען.

בימער פאַרגאַרטלען
ס׳פאַרם־שטיבל אין דעם שייער;
שאָטנס ווערן געבוירן.
די זון, ביים האָריזאָנט —
אַ האַלבער ראָד—
זינקט בלוטיק־צעשפּאָלטן.

אויב די זון איז די זעלבע
וואָס כ׳זע אין דער שטאָט,
האָבן די הימלקראַצערס די שקיעה
פאַר מיינע אויגן באַהאַלטן.

**מאַרטין בירנבוים** / ניו־יאָרק

# צוויי לידער

## ליבעס---?

אַ פאַלם איז אַ פלאַם.
נאָר דער ברענשטאָף
באַשטימט דעם דויער פון פייער—
אַ שטרוי — צי אַ דעמב?
ס'איז ניט אַ ברענען זיך סתם —
ס'איז די גלוט וואָס בלייבט לאַנג,
וואָס גיט נשמה דעם בראַנד—
דעם וואַרעמען אָטעם אונטער אַש —
וואָס איז טייער.

אַ ליבע פלאַמט אויף.
אַ ליבע פאַרגייט.
אַ ליבע בלייבט גליען
אין ווינטן און רעגנס —
איך ווייס ניט פון וואָס אַ ליבע באַשטייט;
נאָר זי איז ניט אַ טרונק בלויז
אין אַ מדבר,
אין אַ ווינט פון
אונטערוועגנס.

זיי זיינען ניט גרינג,
די יבעס וואָס דויערן;
זיי זיינען אָפט שווער ווי גראַניט;
נאָר זיי קענען ניט ווערן
פון ווינטן פאַרפרוירן
און פון ווערטער
וואָס פאַלן ווי העק,
זיי קענען ניט ווערן צעשפליטערט.

זיי זיינען ניט מילד,
די ליבעס וואָס דויערן:
זיי קענען צעשטערן און בריען,
נאָר מען ווערט ניט פאַרלוירן;
מען געפינט זיך צוריק אין ווירוואַרן;
און די גלוט
הערט ניט אויף איך זיי גליען.
(אַפריל 1983)

## ניט דורך צוואַנג

וואָס שלעפ איך נאָך,
וואָס טראָג איך נאָך—
וואָס גיי איך נאָך אַן איינגעפאַנטער—?
וואָס צייל איך זיי
די טעג פון וואָך?
פאַרוואָס ווערט יעדע שעה וואָס איך
פאַרליר
אַ וויטיק און כמעט אַ שאַנד מיר—?!

ווער בענקט נאָך מיר?
ווער וואַרט אויף מיר?
ווער דאַרף נאָך מיינע לידער?!
ס'קלאַפט קיינער, קיינער,
אומגעדולדיק אין מיין טיר...
ס'פילט קיינער ניט מיין אויפהויב
און ניט מיין פאַלן צו אַ נידער...

כ'קלאָג מיין קלאָג אויס
אויף פאַפיר—
ניט מיט קאַלטקייט
און מיט די טרערן ניט
פון זעלבסט־רחמנות...
כ'וואָלט אַזוי געלאַכט אויך,
ווען ס'וואָלט דאָס האַרץ געלאַכט אין מיר.
ס'קומט — ווי ס'קומט...
ניט ס'פרעגט ביי מיר
און ניט איך מאָן עס...

כ'טראָג די פליכטן מיינע
ניט דורך צוואַנג —
זיי זיינען אין מיר איינגעוועבטע !
און אַזוי אויך מיינע לידער,
מיין דויערנדיק געזאַנג —
זיי זיינען ניט פון דרויסנקייטן
אויסגערעכנטע
און ניט מיט „מוח"
פון מיר אַריינגעשלעפטע...

**שמואל איזבאַן** / ניו־יאָרק

# דער שרייבער — זיין בייטראַג צו דער יידישער ליטעראַטור

עטלעכע באַמערקונגען ביי דער פייערלעכער פאַרטיילונג פון איציק מאַנגער פרייז פאַר ליטעראַטור־שאַפונג אין יידיש פאַרן יאָר 1984, אין תל־אביב מוזעום, יולי 15, 1984

טייערע פריינד, טייערע זשורי,
טייערער עולם־געסט:

אַ דאַנק פאַר דעם פרייז, וואָס איז מיר היינט צוגעטיילט געוואָרן און אַ יישר־כוח פאַר דעם אָפּשאַץ וועגן מיין בייטראַג צו אונדזער ליטעראַטור.

די וועלט פון יידישן שרייבער איז די וועלט פון יידישן אויסשפּרייט אין אַלע דימענסיעס. דאָס מעסטן דעם שיעור קומה פון אַ שרייבער איז ענג פאַרבונדן מיט דעם אַלגעמיינעם אַרומנעמענדיקן אָפּשאַץ פון דער ליטעראַטור. עס איז תמיד אַן אַרויסרוף און אַ פאַרמעסט פאַר דעם שרייבער, וועלכער איז פאַרטאָן אין קאָנסטרואירן אַ ליד, אַ דערציילונג, אַ ראָמאַן, אַ בינע־ווערק — אַ פאַרמעסט פאַר דעם שעפערישן מענטש, וועלכער זוכט אויסדרוק אין פאַרשיידענע שרייב־פאָרמען.

ליטעראַטור — אין יידיש און אין עברית — איז אַ כינוס, אַ צונויפזאַמל פון די טייערסטע אוצרות אין דער גייסטיקער שאַצקאַמער פונעם יידישן פאָלק, סיי אין פאָטערלאַנג, סיי אין דעם גלאָבאַלן אויסשפּרייט, אין די תפוצות ישראל. איטלעכער שעפערישער שרייבער אינוועסטירט זיין חלק אין דער דאָזיקער שאַצקאַמער.

עס איז פאַר מיר אַ כבוד און אַ סיפּוק נפש — אַ באַפרידיקונג וואָס ס'איז מיר ביי דער היינטיקער פייערונג געגעבן געוואָרן דער שעת הכושר צו זאָגן עפּעס, וואָס דאַרף געזאָגט ווערן וועגן מיין אייגענעם דרך אין מיין שרייבן — פון די אָנהייב יאָרן ביז אַהער.

די ליטעראַטור פון יידישן פאָלק איז היינט מער נישט צעטיילט אין צוויי באַזונדערע מחנות — ס'איז צוויי לשונות, איין ליטעראַטור.

מיר זענען וייט אַוועק פון דעם אַמאָליקן ריב לשונות, פון אַ ברידערלעכער מחלוקת אַרום דער נאַציאָנאַלער און פאָלקס־ליטעראַטור, וואָס איך איז באַשערט געשריבן צו ווערן מיט דעם זעלבן אלף בית, איןביידע שפּראַכן. אין רעטראָספּעקט, קוקנדיק אויף צוריק, איז בדיעבר, דער אומנוצלעכער ריב לשונות געקומען פון ווילטאָג. ס'איז געווען אין די יאָרן פון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, פון אַ נייער התגלות, פון אויפלעב און גרויסע האָפענונגען. ס'איז געווען אין דער תקופה

---

סע היט אַ זייגער ניט
מיין שעה און מיין מינוט —
כ'האָב יענעם שומר
לאַנג שוין הינטער מיר געלאָזן;
ס'טרייבט מיך ניט קיין פירערס בייטש
אָן ניט קיין דאגה־קנוט...
נאָר אויף מיינע לאַנגען
הויערט ניט די רו —
ווינטן שויבערן און רייסן מיינע
אָסיענדיקע גראָזן . . .

שפּאַן איך אַלץ
אַן איינגעשפּאַנטער נאָך אין מיין געשפּאַן
און טו
וואָס סע דיקטירן מיר
דאָס האַרץ און די נשמה...
און ווי סמוטנע ס'זאָל ניט זיין
אויף מיין שפּעט־אָסיענדיקן לאַן
בלייב איך אַ איינגעשפּאַנטער,
בלייב איך זומערדיק מיט אים פאַרנומען.
(אָקטאָבער 1983)

פון אויפבלי פון דער יונגער ליטעראַטור אין יידיש און פון דער באַנייונג פון דער עלטערער און רומפולער העברעישער ליטעראַטור דורך אַ נייעם דור קרעפטיקע דיכטער און פּראָזאַיקער. אין צוריקבליק זעען מיר ווי אומזיניק און שעדלעך דער אַזוי־גערופענער שפּראַכן־קאַמף איז געווען.

היינט זענען מיר רייפער און דערוואַקסענער. איןביידע לאַגערן אנערקענט מען דעם אומזין פון יענעם משפּחה־שטרייט. צו אונדזער גרויסער פרייד כאַפּן מיר אויף היינט סיגנאַלן און מיר הערן וואָרנונגען אויפצוהיטן מיט אייפער יעדן וערטפולן צושטייער צו אונדזער נאַציאָנאַלן אוצר. מיר הערן דעם רוף און די מאָנונג פון רעפּרעזאַנטיווע וואָרט־זאָגערס אין דער העברעישער ליטעראַטור ווי משה שמיר, אַהרן מגד, אהרון אפּעלפעלד — נישט צו פאַרזען נאָר צו אנערקענען דעם גרויסן בייטראָג פון יידיש צו דער העברעישער שפּראַך יידיש האָט דורכגעפירט אַ צענטראַלע ראָלע—זאָגן זיי— ביים אויפהיטן און פאַרזיכערן די באַנייאונג פון עברית.

משה שמיר רופט צו עפענען די אוצרות פון דער קולטור און ליטעראַטור אין דער יידישער שפּראַך. „אויב מיר וועלן ראַטעווען די יידישע ליטעראַטור פון שיכחה, פון פאַרגעסנקייט—זאָגט שמיר—וועלן מיר ראַטעווען זיך אַליין.” דאָס איז מער ווי אַ פראַזע און מער ווי אַ פאַרדינטער קאָמפּלימענט. דאָס איז אַן אַלאַרם־רוף אויפצוהיטן דעם קיום און המשך פון אונדזער ליטעראַטור, געשריבן אין די צוויי־און־צוואַנציק געהייליקטע אותיות—אין דער זעלבער פייער־שריפט וואָס איז אויפגעקריצט אויף די שטיינערנע לוחות — דאָס ערשטע און אייביקע געזעצבוך פאַר די אומות העולם — פאַר דער וועלט.

ליטעראַטור, אַזוי ווי דאָס לעבן, איז פול מיט קאָנטראַסטן. דער יידישער חורבן אין אונדזער דור, די גרויסע נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע, ערב דעם ווידער־געבורט פון דער יידישער מדינה ברענגט אַרויס אין אונדזער זכרון אַן אומהיימלעכע נאָטע. מיר זענען עדות פון אַן איימהדיקער דערשיינונג. צו אונדזער גרויסן באַדויער זעען מיר ווי די נייע יידישע ליטעראַטור, געבוירן אין פרייד אין אָנהייב פון יאָרהונדערט, געפלעגט און געצערטלט מיט אַזוי פיל שמחה און וואָס האָט אַזוי שטאַרק זיך צעבליט אין איר יוגנשאַפט — די דאָזיקע ליטעראַטור האָט איבערגעהיפּערט די מיטל־עלטער און איז פריצייטיק דערגאַנגען צו זיקנה.

אין מיין אייגענעם צושטייער צו דער ליטעראַטור, אין די גאָר יונגע יאָרן, איז מיין טעמאַטיק געווען פאַרשידנאַרטיק. איך האָב דעביוטירט מיט אַ מיטל־מזרח מעשהלע און אָנגעהויבן שרייבן קורצע דערציילונגען אין העברעיש און יידיש, וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אין די שפּעטע 20־קער און 30־קער יאָרן אין די ארץ־ישראלדיקע צייטונגען: „דואר היום”, „הארץ”, אין די וואַרשעווער צייטונגען „היום”, „הצפירה”, און אין דער פאַרצווייגטער יידישער פּרעסע אין אייראָפּע און אַמעריקע. ווען ס'האָבן אָנגעהויבן דערשיינען די ערשטע יידישע ליטעראַרישע זשורנאַלן אין ארץ ישראל, האָב איך דאָרט פאַרעפנטלעכט מיינע גרעסערע דערציילונגען. מיינע שפּעטערדיקע ווערק: דערציילונגען און ראָמאַנען פונעם לעבן אין ארץ ישראל און אין די תפוצות ישראל זענען דערשינען אין ביכער, אין יידיש און אין עברית. מיין טעמאַטיק שליסט איין פאַרשידענע זשאַנערן — אַלטעגלעכע פאַרגענלעכע צייטמאָטיוון, שילדערונגען פון אַלע שבטים און עדות אין פאָלק ישראל, ווי אויך היסטאָרישע סוזשעטן און תנכישע ראָמאַנען.

עס איז ערגעץ געזאָגט געוואָרן, אַז די אוניווערסאַלע תנכישע דערציילונגען זענען די בליצלאָמפּן וואָס באַלייכטן די וועלט־ליטעראַטור. אַן דער נאָכאַנאַנדיקער אַדאַפּטירונג פון בייע ווערסיעס אין דער תנ"ך־עפּיק, וואָלט יעדע ליטעראַטור געווען אַ סך בלאַסער, ווייל דער תנ"ך איז דער אוראַלטער מקור פון דער דערציייל־קונסט. אין תוך זענען היסטאָרישע ראָמאַנען די ביאָגראַפיעס פון פעלקער.

דער אויספיר, אַז דער היסטאָרישער ראָמאַן אין די ביאָגראַפיע פון פאָלק האָט געוועקט אין מיר דעם פאַרלאַנג צו זוכן געשיכטלעכע טעמעס פאַר מיינע ווערק.

שוין אין יאָר 1942 האָב איך אָנגעהויבן שרייבן מיין גרעסערן ארץ ישראל ראָמאַן „בית קאַרפּ“, אין יידיש „פאַמיליע קאַרפּ“ וואָס איז דורך דער קריטיק שפּעטער באַצייכנט געוואָרן ווי דער ניי־היסטאָרישער ראָמאַן פון דער צווייטער און דריטער עליה. איך האָב דעם ראָמאַן געשריבן אין ניו־יאָרק, אין ברען פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין יענע אימהדיקע גרויל־יאָרן ווען די נישט־יידישע וועלט האָט מיט סטאָישן גלייכגילט אָבסערווירט דעם אומברענגג פון מיליאָנען יידן און דאָס שטיקל פרייע יידישע וועלט אויף יענער זייט אָקעאַן איז געווען פאַרלוירן און הילפלאָז אָפּצושטעלן די האַק פון דעם רוצח.

ביים שרייבן דעם ראָמאַן האָב איך קלאָר געזען, אַז דער געראַנגל פון ישוב אין ארץ ישראל אין יענער גורלדיקער עפּאָכע איז אַ ווייטערדיק קאַפּיטל פון דער יידישער טראַגיק, אַן אומפאַרמיידלעכער המשך פון די תנכישע געשעענישן מיט טויזנטער יאָרן פריער.

מיט צען יאָר שפּעטער האָב איך אָנגעהויבן שרייבן דעם ראָמאַן „די קעניגין איזבל“ — „המלכה איזבל“, און דאָס איז געווען אַ ווייטער צוריקגאַנג אין דעם יידישן עבר. דער דאָזיקער ראָמאַן שילדערט אַ שטורמישע עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע ווען ארץ ישראל איז געווען צעטיילט אויף צוויי מלוכות — יהודה און שומרון, און די דאָמינירנדיקע געשטאַלטן אין יענער תקופה זענען געווען אַחאָב און איזבל.

די אויפגאַבע פון דעם שרייבער איז געווען צו דערציילן אין אַ בעלעטריסטישער פאָרם נישט נאָר וועגן די אינטריגעס און אויפשטאַנדן אין קעניגלעכן הויף פון ישראל, ווען דאָס העכסטע הויז אין שומרון איז געווען אונטערן איינפלוס פון דער צידונישער קולטור, נאָר דער עיקר וועגן דער שפּאַלטונג, הפלגה, צעריסנקייט און חורבן ביים פאָלק אונטער דער הערשאַפט פון די צוויי קאָנטראָווערסאַלע פיגורן: אַחאָב און איזבל.

אַן ענלעכן ציל האָב איך געהאַט ביים צוטרעטן שרייבן דעם ראָמאַן „י ר י ח ו“ וואָס שילדערט די צייט פון כיבוש כנען. איינע פון די צענטראַלע געשטאַלטן ר ח ב וועלכע האָט אויסבאַהאַלטן און באַשיצט אין איר גאַסטהויז די צוויי מרגלים, וואָס יהושע בן־נון האָט זיי געשיקט אויסצושפּירן די פעסטונג־שטאָט, ווערט געמאָלן אין אַ גאָר אַנדער ליכט. דער שרייבער האָט זיין אייגענע אויפפאַסונג וועגן דער גאַסטגעבערין פון יריחו, וועלכע איז געווען אַ שפּיאָנקע און דיפּלאָמאַטקע לויט די באַגריפן פון יענער צייט, און איר איינפלוס אין די הויפן פון די מלכים אין כנען איז געווען גרויס.

איז רחב געווען אַ דאָמינירנדיקע געשטאַלט נעבן אַזעלכע פיגורן ווי יהושע, כלב בן יפונה און פינחס בן אלעזר, וועל־
אין די טעג פון די שלאַכטן אין יריחו
כע האָבן אין פייער פון די שלאַכטן זיך אויך געמוזט ראַנגלען מיט דעם ווידערשפּיניקן דור המדבר, וואָס האָט פון אַ צעשטויבטער אומה, פון אַ צאָל וואַנדערנדיקע שבטים געדאַרפט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פאַראייניקט פאָלק אויף אייגענער ערד. אַ נייער צוגאַנג צו דער עפּיק פון יריחו און אירע דאָמינירנדיקע געשטאַלטן — דאָס איז געווען דער ציל פון דעם שרייבער. און דערפאַר איז פאַראַן אַ סך ענלעכקייט אין די געשעענישן פון יענער תקופה צו די פאַרלויפענישן אין אונדזער צייט.

יעדער טאָג אין דער געשיכטע — אַרייַנראַנגלענישן און אויפוואַכונגען אין לעבן גערעכנט דעם היינט — איז אַ סכום פון פון פעלקער. סיי נאָך די ראַנגלענישן, סיי נאָך די אויפוואַכונגען באַווייזט זיך דער קינסטלער וועלכער מאַכט די דויערהאַפטיקע סך־הכלען. די פאַרגאַנגענהייט, די פאַרצייטיקע תקופות, דער אַרכאַישער שטייגער ווערט פאַר אונדז אויפגעלעבט דורך דעם שעפערישן דערציילער.

ס'איז אפשר נישט קיין חידוש וואָס די אומגליקן אין דער קעגנוואַרט, די קאַטאַסטראָפעס אין אונדזערע טעג זעען אויס צו זיין ווינציקער טראַגיש און ווינציקער אומזיניק ווען מען פאַרגלייכט זיי מיט די דראַמאַטישע קאָנפליקטן אין דער פאַרגאַנגענהייט. ס'איז אפשר פאַראַן אַ באַרעכטיקונג אין דער טענה, אַז דער קינסטלער מוז האָבן דיסטאַנץ אין צייט אויב ער יאָגט זיך נאָך פּערפעקציע אין זיין ווערק. דער עפּיזאָד פון דער פאַר־

גאַנגענהייט איז אַ סטימול פאַר זיין פען. דאָס געשיכטלעכע קאַפּיטל, אָנגעלאָדן מיט טראַגיק און פרייד, איז די טרייב־קראַפט פאַר זיין אויסגעחלומט ווערק.

יעדעס עכטע פּראָזע־ווערק פאַרמאָגט ביבלישע פּשטות און ביבלישע דער־הויבנקייט. די דערציילונגען פון תנ"ך הערן נישט אויף צו זיין דער אידעאַלער מוסטער פון עפּיק.

די ביבלישע נאַראַציע האָט סטימולירט דורות שרייבערס פון אַ סך פעלקער מיט דער אייגנאַרטיקייט פון איר דערהויבענער דערצייל־קראַפט. די מעשיות פון ברא־שית, די שילדערונגען אין ביידע ספרים פון מלכים זענען אַן אומאויסשעפּלעכער רעזערוואַר פאַר קרעאַטיווער דראַמאַ־טורגיע. אָן דעם תנ"ך וואָלט קיין שעקס־פּיר נישט געווען. שעקספּירס קעניגן, זיינע פירשטן, פּרינצן, ריטער, נאָבללייט, ריידן די שפּראַך פון די ביבלישע מלכים. אין די מאַנאָלאָגן פון כמעט יעדער שעק־ספּיר־געשטאַלט הערן מיר דעם עכאָ פון דער עפּישער און קאָלירפולער פּראָזע פון תנ"ך.

ס'איז פאַראַן אַ גאַנצער יידישער ערד־קיילעך זינט בראשית, וואָס די ליטעראַ־טור דאַרף דעקן.

קיין שרייבער קען זיך נישט אָפּרייסן פון פאָלק, וויפיל ער זאָל נישט פּרעטענ־דירן אויף אוניווערסאַליזם. באַלזאַק, אַ פראַנצויז, אַ גאָר שטאַרקער פּרעטענדענט אויף אוניווערסאַליזם, האָט אין זיין שאַפונג „די מענטשלעכע קאָמעדיע", וואָס האָט געזאָגט זיין קאָסמאָפּאָליטיש וואָרט, גע־געבן די פולע רעהאַביליטאַציע פון דעם פראַנצויזישן מענטש. אונטער זיין איינ־פלוס האָט דער נאָכפאָלגער עמיל זאָלאַ שפּעטער רעקאָרדירט דעם דורותדיקן פראַנצויזישן נאַציאָנאַלן שטייגער אין זיין ראָמאַנען־ציקל „רוגאָן מאַקאַר".

די מערסטע אוניווערסאַלע ראָמאַנען, געשריבן מיט הונדערט אָדער צוויי הונ־דער יאָר צוריק, זענען געווען אויף היס־טאָרישע טעמעס. דער שרייבער, אין זיין דראַנג צו געבן אַ פאָלקאָם ווערק, האָט צוריקגעקוקט אויף אַ היפּשן מהלך איי־דער ער האָט געפונען די טעמע און די ראַם פאַר זיין ראָמאַן. די נאָוועלע, וואָס ווערט באַצייכנט ווי דער נאַטוראַליסטי־שער ראָמאַן, איז אויסגעוואַקסן צו דער העכסטער פּאָפּולאַריטעט אין פראַנקרייך און אין ענגלאַנד אין 19טן יאָרהונדערט. די ראָמאַנען, וואָס זענען געשריבן גע־וואָרן מיט 100 און 200 יאָר פריער, האָבן געשילדערט די אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט רעפּרעזענטירט, אַזוי צו זאָגן, די העכסטע שיכטן פון פאָלק לויט די דעמאָלסטיקע באַגריפן. דאָס האָט אָנגע־האַלטן ביז עס זענען געקומען סטענדאַל און באַלזאַק מיט זייערע רעאַליסטישע ראָמאַנען. זייערע ווערק זענען געווען אַן אַרויסרוף צו יענע שרייבערס, וועלכע האָבן נישט געזען דאָס לעבן פון פאָלק אַרום זיך.

אויב כ'האָב פריער דערמאָנט, אַז ס'איז פאַראַן אַ גאַנצער יידישער ערד־קיילעך זינט בראשית, וואָס די ליטעראַטור דאַרף דעקן, טראַכט איך, אַז פאַר אַ שרייבער ביי יידן — אין ביידע לשונות, יידיש און עברית — דאַרף יעדע תקופה אין דער ווייטער און אויך נאָענטער פאַרגאַנגענ־הייט זיין אַ סטימולירנדיקער קוואַל, די רומפולע געשיכטע פון יידישן פאָלק, אינטערפּרעטירט אין די תנכישע מאָטיוון, ווי אויך אין דעם דורותדיקן גאַנג אין די תפוצות ישראל — דאַרף זיין מער אָנרעגנדיק פאַר דעם יידישן און העברע־ישן שרייבער איידער פאַר דעם שרייבער ביי אַנדערע אומות. עס איז זיין ווייג־גאָרטן, עס איז זיין ברונעם.

ארץ ישראל איז דאָס פאָטערלאַנד פון פאָלק. אָבער אונדזער לעבן אויף דעם אַמעריקאַנעם קאָנטינענט, אונדזערע וואַנ־דער־סטאַנציעס, אונדזערע ציטווייליקע וווינערטער אין איראָפּע, אַפריקע, אַזיע צי אויסטראַליע — דאָס זענען ברויזנדי־קע עפּאָכעס אין דעם געשיכטלעכן מהלך פון יידישן פאָלק און אַ דירעקטער המשך פון דער ביבלישער עפּיק.

דער יידישער קינסטלער — ווי פריי ער זאָל נישט זיין אין זיין בחירה — דאַרף ער אין אַ גאָר באַדייטנדער מאָס ווידמען זיין טאַלאַנט און ענערגיע צו די נאַציאָנאַלע מאָטיוון וואָס זענען אַלצייטיק. דאָס גילט פאַר דער קעגנוואַרט און פאַר דער פאַרגאַנגענהייט. ס'איז נאַטירלעך צו ציען פּאַראַלעלן צווישן דעם עבר און

דוד אָפּאַלאָוו / ניו־יאָרק

# צוויי לידער

## אַ שאַגאַל־אַרטיק ליד

איך האָב געצייכט פיר רעדער,
אָבער איך האָב פאַרגעסן
אויסצומאָלן דעם וואָגן,
דער פערד איז געבליבן
אין שטאַל
פון מיין געדאַנק;
איך האָב געצייכנט אַ לבנה,
אָן אַ הימל.

אין די ספערן איז געהאנגען
אַ קאָסמישער זייגער,
און אים צו גראַמען זיך מיטן הימל
האָבן די ווייזער אָנגעוויזן
אויף האַלב נאָך גימל.

## די וועלט

די וועלט איז גרוי
אַזוי ווי אַש,
אַ טרוים אין בונט,
ווי שלום אַש,
ווי מאַני לייב
אין זיין דערהויבונג,
ווען יעדן וואָלקנדל
עס ווילט זיך גלויבן
און גריסן
לירישע נאַרציסן,
אין יעדער פרעכטיקער
ציפּרעס זען
אַ צאַרטע, זוניקע
פּרינצעסין.

---

דעם היינט. דער קינסטלער קען נישט בלייבן סטאָיש קאַלט צו די אויפרודערנ־דיקע היסטאָרישע געשעענישן, צו דער טראַנספאָרמאַציע אין לעבן פון פאָלק אין אונדזער תקופה.

דער שרייבער טראָגט נישט אין זיך בלויז די שליחות פון אַ מקונן, נאָר אויך פון אַ טרייסטער. עס טאָרן נישט פאַרזען און נישט פאַרגעסן ווערן אין דער נאַציאָ־נאַלער ליטעראַטור די אויפבראויזן און רעוואָלוציעס — פון יציאַת מצרים ביז צום ווידערגעבורט פון מלכות ישראל און צום המשכדיקן היסטאָרישן גאַנג אין אונדזער דור.

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# א הסתדרות
# אניואיטי טראסט-קאנטראקט

— פון דער —

# ישראל הסתדרות פונדאַציע

אינקאָרפּאָרייטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי:—

- אַ יערלעכע הכנסה אַזוי הויך ווי 20% (לויט די יאָרן)

און

- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען:

הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־געינס"־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

זייט איר פאַראינטערעסירט...

אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?

אויב יאָ... טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 20% פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראַסט פונדאַציע.

ריכטער סעם ס. שוואַרץ, פּרעזידענט • אברהם פרענק, דירעקטאָר

שניידט אויס דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

---

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

8455 Beverly Blvd., Los Angeles, Calif. 90048 — Tel. 651-4892

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to..........................................................................

Address..........................................................................

Date of Birth..............................Soc. Sec. No..............................

Principal Amount $..........................................................................

Date.......................Signature of Applicant......................................

חיים קעניגער / פאַריז

# לידער

## דער נאַכט־וועכטער

דער נאַכטוועכטער הערט זיינע טריט
דערווייטערן זיך פון אים —
און אַנדערער ניצט זיינע טריט
און נעמט אים נישט מיט.
און זיין ווילן,
זיין שטימע דערגרייכט נישט דעם אַנדערן.
ער הערט בלויז דעם אָפּקלאַנג דעם שטילן
פון טריט אין וואַנדערן.
אַ האַלבע לבנה באַוואַכט
די פאַרלוירענע טריט אין דער ווייט,
די וואָלקנס, די נאַכט,
די געשפּאָלטענע צייט.

***

טעג און נעכט אין מידבר.
די שאָטנס זענען שטיינער.
אונטער זיי רוט דער זאַמד־עקדיש
און קוקט אויס אַ גלייביקן פויגל.
די זון צינדט אָן די שקיעה
און דאָס וואַרעמע זאַמד
קרעכצט אונטער די פיס.
און איינציקער אָוונט
וועט צעשטערן
אַלע טייכן פונעם זומער.
דער וועג וועט פאַרלירן גיין
אין גאָרנישט.

## שלאָף, מיין טייער קינד

שלאָף, מיין טייער קינד,
די נאַכט פאַלט צו
און ברענגט אַ ווינט.
ווי שטענדיק אין דער שעה —
ער גייט אויפן וואַלדוועג
מיט לבנה באַלויכטן.

ער זוכט דיך, ער פירט.
ער זוכט דיך, געפינט.
מיט זיין האַנט
דיינע האָר ער באַרירט,
דיין פּנים, דעם בלייכן,
ער קושט דיינע ליפּן —
פאַר אים נישט צו דערגרייכן.

ער גייט אויפן זעלבן וועג,
אין דער זילבער לבנהדיקער נאַכט
ער לעקט דיינע טרערן...
שלאָף, מיין טייער קינד,
קיינער וועט נישט וויסן,
קיינער וועט נישט הערן,
שלאָף.

## צו אַ גרעזעלע

גרעזעלע גרינס, ווי דו ביסט קליין!
מיין קערפּער וועט ליגן אונטער אַ צודעק
פון שטיין,
אפשר וועסטו מיין צוואה דערפילן?
כ'וועל אין קבר קיין ניגון נישט פילן,
נאָר דו טאַנץ צום ריטעם פון ווינט
אַנטקעגן דעם ליכט ווי אַ קינד.

מיר וועלן טריי זיין איינס דעם אַנדערן,
מיר וועלן שוין אין ערגעץ נישט וואַנדערן,
נאָר דו וועסט גרינען אויפן פלאַך
און איך וועל בלייבן אין דער נאַכט.

ס. נוטקעוויטש

# מיינע קינדער־יאָרן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה

(זכרונות)

די נאַכט פון ערשטן אויגוסט 1914 איז געווען אַ זייער אומרויקע. די שכנים זיינען נישט געשלאָפן, געשטאַנען אויפן הויף און אין פראָנט פון הויז און געשמועסט. אַלע האָבן „עפּעס" דערוואַרט. די פּנימער זיינען געווען דערשראָקענע. פון צייט צו צייט איז געוואָרן טויט־שטיל, ווען פון גאַס האָט זיך דערהערט אַ גערויש פון שווערע וועגענער און פערדקאָפּיטעס.

אונדזער דירה איז געשטאַנען בשכנות מיט דעם לאָדזשער מאַגיסטראַט, וואָס אין דער פרי האָבן מיר דערזען אַז די הויפּט־געביידע איז אַרומגערינגלט מיט האַרמאַטן און אַ סך סאָלדאַטן.

נאָכן זון־אויפגאַנג האָבן זיך דערהערט דריי אויפרייסן פון דער מזרח־זייט, און אַ געדיכטער רויך מיט פלאַמען האָבן פאַרשטעלט אַ שטיק הימל. די גאַסן זיינען געוואָרן פול מיט מענטשן; עלטערן האָבן געזוכט זייערע קינדער, אַנדערע האָבן געפרעגט וועגן זייערע קרובים, באַקאַנטע. ווילדע קלאַנגען האָבן זיך פאַרשפרייט און די מהומה איז געוואָקסן פון מינוט צו מינוט.

אונדזערס אַ קוזינע איז געקומען מיט אַ געיאָמער, אַז איר מוטער באַלטשע און פאָטער ישראל פעלדמאַן, אייגנטימער פון אַ גרויסער בעקעריי, זיינען אומגעקומען פון דעם ערשטן אויפרייס איבער לאָדזש. די זעלנער האָבן זי נישט צוגעלאָזט צו אונדז. איך בין געלאָפן צו אונדזער דירה און געטראָפן די טיר פאַרשלאָסן. די דינסט־מיידל מאַריאַנאַ איז ערגעץ פאַרשוונדן. מיין ברודער האָט מיך געפונען אַ שלאָפנדיקן הינטער דער טיר. איך געדענק נאָך ביז היינט די אומהיימלעכקייט און שרעק.

דעם זעלבן טאָג פאַרנאַכט האָבן זיך ווידער דערהערט אויפרייסן.

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן.

שוין דעם דריטן טאָג פון דער מלחמה האָבן אויסגעפעלט ברויט, פוטער, צוקער און פלייש. די דייטשן האָבן אַרומגערינגלט לאָדזש. באַלד האָבן אויך די דייטשן דערקלערט מלחמה קעגן פראַנקרייך און די רוסישע אַרמיי האָט אָפּגעהאַלטן איר ערשטן זיג קעגן עסטרייך אין דער שלאַכט ביי לעמבערג. ענגלאַנד איז אַרויס אין מלחמה קעגן דייטשלאַנד און סוף אָקטאָבער איז אויך טערקיי אַריין אין מלחמה קעגן רוסלאַנד, און פראַנקרייך איז אַריין אין מלחמה קעגן די דייטשן.

דאָס לעצטע קאַפּיטל פון דעם סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם אַריינטריט פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין דער מלחמה קעגן דייטשלאַנד אין חודש אַפּריל, 1917, ווען די דייטשן האָבן זיך שוין עטלעכע מאָל באַנוצט מיט גיפט־גאַז. (צום ערשטן מאָל ביי דער בעלגישער שטאָט איפּערס).

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט „געקאָסט" דער וועלט צען מיליאָן טויטע און פאַרוווּנדעטע און האָט איבערגעלאָזט טיפע וווּנדן וואָס האָבן פאַראורזאַכט די צווייטע וועלט־מלחמה מיט דעם אומקום פון זעקס מיליאָן יידן דורך די דייטשישע נאַציס און זעכצן מיליאָן מיליטער־לייט. עס ווערן אויך אָפּגעשאַצט איבער 34 מיליאָן פאַרוווּנדעטע פון צווישן דער ציווילער באַפעלקערונג. (די צאָל קרבנות אין כינע און אין וויַיטן מזרח בכלל איז נישט אַריינגערעכנט אין דעם חשבון).

צו לינדערן דעם הונגער אין שטוב האָט אויך געהאָלפן מיין שוועסטערס אַ שול־חברטע, וואָס האָט געפירט אַ צוקערבעקעריי אויף וואָסקאָדניע 16. זי פלעגט קומען אַרומגעבונדן מיט זיסע זאַכן. שפּעטער צו פלעגן אונדז באַזוכן סקאַנדינאַווער פריינד, וואָס האָבן אונדז באַזאָרגט מיט וואַרעמע קליידער פון אונדזערע קרובים אין פינלאַנד.

די איבער צוויי מיליאָן יידן אין אָקופּירטן פּוילן האָבן שווידערלעך געליטן. זיי האָבן נישט געהאַט קיין צוטריט זיך צו באַטייליקן אין ווירטשאַפטליכן לעבן פון לאַנד און עס האָט זיך גיך אַרויסגעוויזן, אַז די דייטשן זיינען זייער גוטע תלמידים פון פּוילישן אַנטיסעמיטיזם און האָבן זיך פאַרגעשלאָגן צו ווערן די אַנפירער פון אַנטיסעמיטישע קאַמפּיינס.

אויך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די „ראַבינער אָפיצירן" פון דער דייטש־אונגאַרישער אַרמיי האָבן נישט געהאַט קיין איינפלוס קעגנצווווירקן דעם אָפיציעלן דייטשן אַנטיסעמיטיזם.

אויף אַזאַ אופן זיינען די יידן געפּרעסט געוואָרן פוןביידע זייטן „פראָנט"; פון דער רוסישער זייט איז געקומען דער לאָזונג: „שלאָגט די יידן און ראַטעוועט רוסלאַנד", און פון דער צווייטער זייט: „די יידן זיינען רוסישע שפּיאָנען און פאַרקױפטע שקלאַפן"...

אין די רוסישע פּאָגראָמען זיינען אומגעקומען טויזנטער יידן. אין די קליינע שטעטלעך און דערפער האָט מען געקוילעט און פאַרברענט יידיש האָב און גוטס. אין ביידע אָקופּאַציעס איז דאָס גייסטיקע יידישע לעבן טעראָריזירט געוואָרן און די דייטשן און פּאָליאַקן האָבן געזוכט וועגן ווי אַזוי צו קאָרומפּירן די יידישע גייסטיקע און מאַטעריעלע עקזיסטענץ.

טראָץ די אַלע פאַרפאָלגונגען איז דאָס יידישע לאָדזש געוואַקסן אין צאָל און קוואַליטעט.

די מלחמה האָט זיך אָפיציעל פאַרענדיקט דעם ערשטן נאָוועמבער 1918 מיט אַ וואָפן־שטילשטאַנד. אין די גרעסערע שטעט פון פּוילן האָבן די פּוילישע פּאַטריאָטישע אָרגאַניזאַציעס אָרגאַניזירט אױפשטאַנדן קעגן די דייטשן, פאַרכאַפּט זייערע געווער־סקלאַדן און קאַזאַרמעס און פאַקטיש אָנגעהויבן צו באַוואָפענען זייערע אומלעגאַלע מיליטער גרופּן.

אין דער זעלבער צייט איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די אומאָפּהענגיקייט פון אַ זעלבסטשטענדיקער פּוילישע מלוכה און רעגירונג. דער אָנהייב פון דער פּוילישער מלוכה איז באַפלעקט געוואָרן מיט פאַרפאָלגונגען און בלוט־פאַרגיסונג איבער די פּוילישע יידן, און אינערלעכע קאַמפּן אין וועלכער די קאַטוילישע קירכע האָט געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע.

פאַר מיר האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי לעבן; מיין קינדהייט האָט זיך געענדיקט. דער אָנהייב פון מיינע יוגנט־יאָרן איז געווען זייער שטורמיש, פול מיט ליידן און ליבעס, מיט נייע שטרעבונגען און מיט פאַרמירן זיך פון מיינע אידעאַלן. דער המשך האָט אָנגעהאַלטן ביז סעפּטעמבער 1939, ווען די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן...

## די דייטשן זוכן דעם פאַרטיי־„סעקרעטאַריאַט"

מיין עלטסטער ברודער פּיניע איז געווען סעקרעטאַר פון „בונד" און איז אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן פון דער רוסישער פּאָליציי. ווען די דייטשן האָבן פאַריאָגט די רוסן פון לאָדזש איז קלאָר געוואָרן, אַז פּונקט ווי אין דייטשלאַנד וווּ די סאָציאַל דעמאָקראַטן האָבן געפירט אַ לעגאַלע טעטיקייט וועט אויך דער „בונד" אין לאָדזש קענען אָנגיין מיט אַזאַ טעטיקייט.

דורך פאַרשיידענע וועגן האָט מען זיך דערוווּסט, אַז די דייטשן טראַכטן אַנדערש און די פירער פון „בונד" האָבן געפונען וועגן ווי אַזוי זיך אויסצובאַהאַלטן.

אין אַ פריען פאַרטאָג זיינען אין פראָנט פון הויז פאַרפאָרן עטלעכע אויטאָמאָבילן און אויך דריי וועגענער געשפּאַנט אין פערד גרייט אַוועקצופירן אַלע זאַכן פון „בונד"־סעקרעטאַריאַט... די פּאָליציי איז אַריין אין אונדזער וווינונג און געזוכט אָפיס־מעבל, שרייב־מאַשינען, טישן און טעלעפאָנען. זיי האָבן פאַרבראַכט עטלעכע שעה זוכנדיק און לסוף זיך אַנטשולדיקט פאַר מיין מאַמען און אַוועק. זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך דעם הויזוועכטער און אין עטלעכע שעה שפּעטער אים באַפרייט.

דער הונגער האָט זיך פאַרשפּרייט מיט אַ מוראדיקער גיכקייט און טויזנטער מענטשן האָבן פאַרפולט די שפּיטאָלן. לוויות האָבן זיך געצויגן איבער די לאָדזשער גאַסן. מיין מאַמע האָט אָנגעהויבן

חנן קיעל / ניו־יאָרק

# די לידער פון יאַני פיין

איך בין זיך מודה אַז אין מיין אָפּשאַצן יאַני פיינס לידער פעלן מיר די אָביעקטיווע מאָסן און ראַפינירטקייט פון אַ געניטן קריטיקער. אָבער מיר ווייסן אויך, אַז פּאָעטישע מבינות איז געווענדט אין דער סוביעקטיווער השקפה און פערזענלעכן קינסטלערישן גוסט פון אָפּשאַצער.

איך גלויב קוים צי פּאָעזיע לאָזט זיך דעפינירן. יעדער פּאָעט לעבט אין זיין אייגענער וועלט פון עמאָציעס, איבערלעבונגען און השפּעות. פון אַלע דערקלערונגען וועגן דעם מהות פון דיכטונג, האָב איך ניט געפונען דעם בשותּפותדיקן איינהייטלעכן דענאָמינאַטאָר פון פּאָעזיע.

פרויד מיט זיין אַנטפּלעקונג וועגן די כוחות פון אונטערבאַוווסטזיין און חלום־אינטערפּרעטאַציע האָט געוואָרפן אַ נייעם ליכטשטראַל אויפן צוגאַנג צו מאָדערנער פּאָעזיע. דאָס ליד הייבט זיך אָן ווי אַן איבערלעבונג, פּאַרטייעט אין אונטערבאַוווסטזיין און באַפרייט זיך דורך וואָרט און מחשבה אין עסטעטישער שלימות. אין אָט דער קאַטעגאָריע געהערט יאַני פיין מיט זיינע אויסטערלישע זעאונגען און חלומות, וואָס ווערן פאַרוואַנדלט אין סימבאָלן.

יאַני פיין איז אַ מאָדערנער דיכטער, וואָס אין זיינע יחידישע לידער שפּיגלט זיך אָפּ דאָס פּנים פון אונדזער דור, פון אונדזער פיינלעכער צייט. ווי מיר אַלע איז ער צעוויטיקט פון קאָנפליקטן און קאָנטראַדיקציעס; צעקריגט מיט דער וועלט, מיט זיינע גלויבנס און אפילו מיט זיך אַליין, אין ווילן פאַרשטיין די מיסטעריע פון יידישן קיום, פון מענטשלעכן געראַנגל אין אונדזער אומזיכערער וואַנזיניקער וועלט.

יאַני פיין קומט פון אַ וועלטלעכער קולטור־משפּחה וואָס האָט דורכגעמאַכט פּאָליטישע פאַרפאָלגונגען אין סאָוועטרוסלאַנד; פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער געוווינט אין ווילנע. געענדיקט אַ גימנאַזיע און שטודירט קונסט אין ווילנער אוניווערסיטעט. אין די מלחמה־יאָרן ווערט ער פאַרוואָגלט קיין רוסלאַנד, יאַפּאַן, שאַנגהיי און קומט אָן נאָכן קריג קיין מעקסיקאָ. אין 1947 גיט ער דאָרט אַרויס זיין ערשטלינג־לידער „אַ תליה אונטער די שטערן‟. יאַני פיין פאַרנעמט זיך מיט מאָלעריי און שאַפט אַ וואַנט־געמעל פון 600 פוס, אַ מאָנומענט נאָך די זעקס מיליאָן קדושים.

פון 1954 איז ער פּראָפעסאָר אין אַ לאָנג־איילאַנד אוניווערסיטעט און ביז היינט האָט ער געהאַט 14 אויסשטעלונגען. ער שרייבט לידער אין אַלערליי ליטעראַרישע אויסגאַבעס און אין 1983 גייט אַרויס זיין נײַ לידער־בוך „גוטע אורחים‟,

---

אויסצופאַרקויפן זילבערנע לייכטער כדי איינצוקויפן עסנוואַרג. דער הונגער אין אונדזער שטוב איז געוואַקסן און געווען טעג ווען איך האָב גאָרנישט געהאַט וואָס צו עסן אין שטוב.

די הויז־אייגנטימערין, אַ מרס. דירינג, אַ דייטשקע, האָט אונדז געצוווּנגען אָפּצוגעבן איינע פון די צוויי דירות וואָס מיר האָבן פאַרנומען און ווו עטלעכע גרויסע מאַשינען האָבן נאָרמאַל געאַרבעט. די שטימונג ביי דער משפּחה איז געווען אַ געדריקטע. ווינטער זיינען מיר ממש געפרוירן געוואָרן, און עסן איז געוואָרן אַ פּראָבלעם נישט צו לייזן.

איך אַליין פלעג אָוועקפאַלן און חלשן. איך פלעג אַדורכלאָזן טעג אין שולע און מיין לערערין האָט מיך פאַרשריבן אין אַ „ביליקער קיך‟ צו קריגן אַ טעלער זופּ יעדן טאָג, אויסער שבת. אָבער מיין מאַמע האָט נישט געוואָלט, אַז „איר קינד‟ זאָל עסן אין אַ „ביליקער קיך‟.

צו הילף איז געקומען אונדזער קריסטלעכער שוסטער, וועמענס ייִנגל איך האָב געלערנט און צוגעהאָלפן אים מיט זיינע לעקציעס אין שולע. ביז היינט געדענק איך דעם געשמאַקן טעם פון קאַרטאָפל־זופּ און ברויט.

ווי איך פאַרשטיי איז מאָלעריי זיין צווייטע פאַרליבטקייט. ער מאַכט זיינע אייגענע אילוסטראַציעס צו זיינע לידער. זיכער איז דאָ בשותפותדיקייט צווישן די צווייגן פון קונסט. אויך מאָלעריי איז פּאָעזיע וואָס צויבערט מיט אימאַזש און חלום, ספּעציעל אין סורעאַליסטישן זשאַנער, וואָס איז אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר יאַני פּיינס לעצטע לידער

צו באַנעמען דעם מהלך און דיכטערישן פּראָצעס פון ערשטן בוך „אַ תליה אונטער די שטערן״ ביזן לעצטן, וועלן מיר זיך באַקענען מיט יענע לידער, געזאַמלטע אין די וואַנדער־און־חורבן־יאָרן. אין זיינע וואָגלענישן האָבן אים באַגלייט די שאָטנס פון י ו נ ג ע איבערגעריסענע גלויבנס און פריידיקער שאַפערישקייט, דאָמינירט פון ליכטיקע ליטעראַרישע איינפלוסן פון דער דערהויבענער ירושלים ד׳ליטע, יונג־ווילנע, פּוילישע און רוסישע פּאָעטן: מיצקעוויטש, פּושקין, בלאָק, יעסענין, קולבאַק, מאַנגער; געצוימט פון קלאַסישן פּערז, גראַם און מוזיק, אָבער געשליידערט פון טראַגישע איבערלעבונגען הייבט אָן גריזשען דער פּחד, אַז זיין שיינע וועלט וועט זיך מער ניט אומקערן. ס׳קומט פאָר אַ שינוי אין דיכטערס געמיט. ער זעט דעם חשבון און גזר פון געשיכטע:

„אויף מיינע שטיגן יאָמערן די בוירעמקעץ / די נאַכט שוימט אויף אין גלאָז פון שוואַרצן וויין / איך ליג אַליין, דער חשבון איז געמאַכט / און לאַנגזאַם, לאַנגזאַם רינט אויס דער זיין.״

ער ראַנגלט זיך מיט פּראַגעס, וואָס קיינער קען אים ניט פאַרענטפערן, ער פירט אָן אַ דיאַלאָג מיט גאָט, וועמעס פּאָעט ער איז, רעוואָלטירנדיק קעגן זיין גלייכגילט צו אונדזערע קדושים:

„איך קען ניט גיין אין קרייז דעם רונדן/ ליבן, גלויבן, און ווי אַ הונט ווערן דערשאָסן.״

דאָ רעדט זיך וועגן אַ גלויבן וואָס איז אונדז צוגערויבט געוואָרן, אַן אמונה וואָס הוידעט זיך אויף „אַ תליה, אונטער די שטערן.״ אין בוך פון זיינע ערשטע לידער זיינען דאָ מאָטיוון פון די שאַנהייער פּליטים, חורבן, געטאָ, „משיח אין מיידאַנעק״ און פּערזענלעכע איבערלעבונגען פון טרויער, אַנטוישונג און בענקשאַפט. ער דערמאָנט סאַרקאַסטיש דעם רעזשים הינטערן אייזערנעם פּירהאַנג, דאָס לאַנד פון לאַגערן און לוביאַנקעס:

„יעדער שטאַרקער קען דאָס בוך איבערשרייבן / זינגט אַ ליד צום שטאַרקן, וואָס שאַפט לעבן און טויט / אַ ליד צו די בויער פון לוביאַנקע.״

אַזעלכע פּראָזאַישע צייט־לידער פול מיט אַנגעוויטיקטע טענות פלעכטן זיך דורך מיט יחידישע, טיף איבערלעבנדיקע עמאָציאָנעלע לירישע שורות. אין דעם ויתרוצצו פון השפעות און פּערזענלעכע דערפאַרונגען ווערט רייף זיין פּאָעטישע אייגנאַרט. אין אַנטלויף צו זיך אַליין „הערט מען די שטילע טריט פון אומעטיקן געמיט, ווען ס׳גייט אויף די נאַכט און ס׳שרעקט דער מאָרגנרויט.״ אין יענע פריע ליריש־האַרציקע, פּשוטע לידער הייבט אָן אויפטויכן דער צוטרוי צו זיין אייגענעם פאַרטייעטן עגאָ, וואָס ווערט נאָך בולטער אין זיין נייעם לידערבוך „די גוטע אורחים״, וואָס אָטעמען מיטן היינטצייטיקן מאָדערנעם נוסח, אימאַזש און מחשבה.

אין פּרעליוד „די גוטע אורחים״ דערשיינען די געסט ווי קליינע דעטאַלן פון אויסגעלאָשענע שאָטנס וואָס לאָזן איבער סימנים פון פרייד און שרעק און בלייבן אויף שטענדיק אין זיין אייגענעם שפּיגל, „אין אָט די שאָטנס זוכט דער דיכטער פרייד און מאַכט שטילקייט איבער אין ריי.״ ער האָט מיט זיינע אויגן געזען דעם אונטערגאַנג, וואָס לעבט אין אים כסדר, און ער אַליין „איז דער אומזין וואָס וויל צום זין דערגיין.״ ער זעט זיך אין חלום ווי אַ פידל וואָס שפּילט ווונדערלעך, און ווען ער דערוואַכט, ווערט דער ניגון פאַרשטומט.

ער איז נאָך אַלץ אין געקריג מיט גאָט און אין פּחד, אַז — „אפשר איז אַלץ אַ חלום ניט מער / און דער שטיין אַ פאַרגליווערטע טרער.״

אין ליד „ערגעץ", וואָס איז אין קאָנט־ראַסט צו לייוויקס בענקעניש צום לאַנד דעם פאַרבאָטענעם, זוכט ניט דער דיכ־טער די אוצרות פאַרשאָטענע: —

„ווייל ערגעץ טיף אונטער גרודעס האַרטע / וואַגלען ביינער אָפּגענאַרטע/ וואָרצלען שוואַרצע פלעכטן זיך אין צעפּ געדיכטע / און ווערעם בלינדע עסן די מענטשלעכע געשיכטע."

איינגעהילט אין אומעטיקער קלוגשאַפט פון קוהלת־שטימונג, געמאָטערט פון מענטשלעכן און יידישן גורל און אָפּגע־נאַרטע גלויבנס ווייסט ער אַז אילוזיע איז דער אמת, און געפינט קאָמפּענסאַציע אין „שיינקייט, וואָס איז דער שמייכל פון דערשראָקענע."

אין בוך איז פאַראַן אַ גרעסערע פּאָעמע וועגן דעם מעקסיקאַנער רעוואָלוציאָנערן־מאָלער דיעגאָ ריווערא, וואָס האָט אַגב געעפנט אין נאַציאָנאַלן פּאַלאַץ יאָני פיינס אויסשטעלונג. ער שילדערט אים ווי אַ קינד אַ ריז, וואָס זיין האַרץ איז אַ פויסט, זיין מאָלעריי — געוועטער און „וואָס האָט געפונען זיין גאַנג אינעם צאָרן, הונ־גער, בלוט און שווייס." אין אַ דיאַלאָג מיטן שאָטן פון מאָדיליאַני, זיין יוגנט־פריינד, וואָס דערמאָנט אים אַז „מאָלן מיינט איין רגע בלויז / צווישן יאָ און ניין / פריי, אויסגעגלייכט און פאַרליבט צו שטיין." ער שרייבט וועגן גאָיאַ, על גרעקאָ; און ברענגט אַרויס זיין הומאַניס־טישע השקפה און שליחות פון מענטש־לעכער גוטסקייט אין קונסט, און אַז אויך „וואָס ער קען ניט פאַרשטיין איז וווּנ־דערלעך שיין."

אין קאַפּיטל „די נאָדל פון שרעק" זיי־נען דאָ אַ צאָל דערשיטערנדיקע פּאָעמעס וועגן אונדזערע אומגעקומענע יידישע שרייבערס אין סאָוועט־רוסלאַנד. רירנ־דיק איז דער דיאַלאָג צווישן פּאָול ראָב־סאָן און דעם בלאָס־שווייגנדיקן מאַרטי־רער איציק פעפער. יאָני פיין פרעגט:

„ווער האָט בעסער פון אַ יידישן דיכטער געקענט וויסן / אַז אַ ליד איז אַ פאַר־וווּנדיקטע טויב/וואָס פּיקט פון פּאַפּיר אַרויס דאָס געוויין / און גייט שטענדיק אויס פאַרבלוטיקט אין שטויב."

אַזעלכע צערידערטע פראַגעס טליען אין אונטערבאַוווּסטזיין פון פּאָעטישן „דריטן אויג" וואָס זעט די וועלט אין קאָשמאַרנעם קרומען שפּיגל און דער־קענט דעם אומגעבעטענעם גאַסט מיטן הויקער דאָס געוויסן וואָס „מען קען זיך פון אים ניט אויסבאַהאַלטן, ניט פון אים אַנטלויפן, און מען קען אים אויך ניט איבערקויפן." דאָס איז אויך דער הויקער פון אונדזער צייט, וואָס מיר ראַנגלען זיך מיט אים און קענען ניט איגנאָרירן.

דער פּאָעטישער „אַלטער עגאָ" אַנט־פּלעקט זיך אין פאַרשיידענע וויזיעס: ער איז דער „פרעמדער" מיט ווידעראַנגאַנדן אין זיך. „זיינע שיך שיינען און זיינען צעפליקט, ער קוקט אויף פליגן און איז אַנטציקט"; דעם „פרעמדנס" פייגל און קינדער זיינען גאָטס תפילות. ער האָט אַלץ פאַרלוירן און דורך ליבשאַפט צוריק־געפונען. דאָס דריטע אויג, דער הויקער, דער פרעמדער, זיינען די אורחים אין שפּיגל פון יאָני פיינס וועלט. אין די קאָנטראַסטן און צעשפּאָלטנקייט געפינט דער דיכטער זיין גאַנצקייט און אינדיווי־דועלער פרייהייט.

„איך בין פריי אין מיין אומגליק און פריי אין מיין גליק.
כ׳בין מיין אייגענער אָפּגרונט, מיין אייגענע בריק;
מיין איז דאָס וואַסער, מיינס איז דער שטויב;
כ׳בין מיין אייגענע קללה, מיין אייגענע לויב.

ס׳איז מיינער דער קוש, מיינע — די פויסט,
כ׳בין די וואָנט וואָס פאַרשטעלט דאָס האַרץ וואָס אַנטבלויזט.
כ׳בין דאָס וואַרעמע אויג אין פאַר־משפטע קעפּ,
דער קעלער, וואָס קלעטערט צום הימל דורך טרעפּ.

כ׳בין דער דופק וואָס קלאַפּט אין אַ דינעם שאָטן,
אַ גרעזל וואָס גרינט נאָכן ווערן צע־טראָטן.

כ'בין יעדער איינער און מיט אַלע
איינער אַליין,
ביינאַכט בין איך די מצבה וואָס דאַרף
גאָרניט פאַרשטיין."

די פּאָעמע "פּריי" איז נישט נאָר דער קרעדאָ פון פּאָעט יאַני פּיין, נאָר אויך די ניצול־געוואָרענע געטלעכע ניצוצות פון אונדזער פּאָעטישער עדה און אידעאַליסטישער שארית־מענטש, וואָס וואָס גיט ניט אויף די מענטשלעכע ייִדישע ווערטן אין אונדזער פאַרפלאָנטערטער גענעראַציע.

ס'איז ניט מעגלעך אַרומנעמען אין אַ רעצענזיע דעם שלל פון פּאָעטישע אימאַזשן, דעם קאָלאָריט פון סימבאָליש־סאָפיסטיצירטע אני מאמינס.

אין יעדן ליד איז באַהאַלטן דער קוים באַמערקטער באַשייד פון אַ צווייפלער, וואָס איז פאַרליבט אין לעבן, אין יחיד, אין ייִדיש־מענטשלעכן קיום. ער ווייסט אַז — ירידה היא צורך לעליה. "די וואָרצלען פון ליכטיקע פריידן זייגן פון טונקעלע גרונטן. אָבער ער זייגט פון אַ דערהויבענער ירושה. ס'לעבט נאָך אַלץ אין זיכּרון זיין ווילנער גורל־שטאָט און צווישן אַלע נעכט איז דאָ "אַ ייִדישע נאַכט, ווו ס'וואַכט אַ מאַמע, און אַ לעגענדע וואָס גייט אויף אין פלאַמען." און ווען אפילו "די געשיכטע איז אַ ווונד וואָס ווערט ניט פאַרהיילט, און אַן אמת וואָס זאָגט שטענדיק אַ ליגן, איז ער דאַנקבאַר פאַר קענען דאַנקבאַר זיין, פאַר זיך איילן, כאָטש קיינער האָט אים ניט פאַרבעטן; פאַר צאַרטקייט, וואָס קען האַרטקייט פאַרבייגיין, און פאַר חלשן אין מיטן פון אַ קריגעריי זיך איבערצובעטן."

("פראָסט און פשוט" — זייט 148)

ס'איז דאָ אַ ווערטל, אַז "ליבע האָט צוויי בלינדע אויגן", ביי יאַני פּיין האָט ליבע פיר זעעוודיקע אויגן. אין אונדזער טראַגיש־ייִדישער געשיכטע, אין אונדזער צייט, ווען "דאָס לעבן רעדט מיט טויזנט סתירותדיקע שטימען און וויינט מיט דער זעלבער טרער" געדענקט דער דיכטער אַז "דעם מענטשנס בענקעניש איז גרעסער פון דער וועלט, און משיח קלאַפּט נאָך אַלץ אין אונדזער טיר. יאַני פּיין איז די האַרמאָניע פון אַ קינסטלעריש־"גוטע אורחים" חביבים, און אים אַליין, צו דעם ליכטיקן יום־טובדיקן טיש פון אונדזער ייִדישער פּאָעזיע.

---

## שמואל איזבאַן באַקומט איציק מאַנגער פּרייז

די איציק מאַנגער פּרייז פונדאַציע אין ישראל לאָזט וויסן, אַז דער באַוווסטער ייִדישער שרייבער שמואל איזבאַן, לאַנגיאָריקער זשורנאַליסט און מיטאַרבעטער פון "פאָרווערטס" און "אַלגעמיינעם זשורנאַל", האָט באַקומען דעם איציק מאַנגער פּרייז פאַר ליטעראַטור שאַפונג אין ייִדיש פאַרן יאָר 1948־תשד"ם.

די פּרעסטיזשפולע ליטעראַרישע פּרעמיע ווערט אים געגעבן אַלס אָנערקענונג פאַר זיינע ווערטפולע ווערק וואָס זיינען דערשינען אין ייִדיש און אין העברעיש אין פאַרלויף פון אַ האַלבן יאָרהונדערט. (זיין עסיי דערשיינט אין דעם נומער "חשבון").

דער פּאַרזיצער פון דער איציק מאַנגער פּרייז פונדאַציע איז שלום ראָזענפעלד, מיטאַרבעטער פון "מעריב"; דער ערן־פּרעזידענט איז יצחק נבון, געוועזענער נשיא פון ישראל. צו דער פאַרוואַלטונג געהערן: אריה לייב דולצין, פּאַרזיצער פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, און אַנדערע.

אליעזר רובינשטיין איז דער סעקרעטאַר.

---

אַבאָנירט און שטיצט דעם
חשבון
די איינציקע ייִדישע צייטשריפט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן אויסער ניו־יאָרק.
אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר

ש. גילעדי־גילדער

# אַ קאַפּיטל פרע־יידישע היסטאָריע

## עברים — בני־ישראל — ישורון — יהודים

דאָס זיינען די פיר היסטאָרישע נעמען פון אונדזער פאָלק.

דער ערשטער נאָמען איז געווען: „עברים". דער ערשטער וועלכער האָט זיך גערופן אויף דעם נאָמען איז געווען אונדזער שטאַם־פאָטער אַ ב ר ה ם — אברהם העברי (בראשית י"ד־יג) און אַזוי איז עס שוין פאַרבליבן ביז היינטיקן טאָג מיט קליינע וואַריאַציעס: די פאַרצייטיקע מצרים האָבן אונדז גערופן „האַבירו", דער רוס רופט אונדז „יעווריי", אויף דייטש איז „העברעער", אויף ענגליש: „היבריו" און אַזוי ווייטער.

פון וואַנען שטאַמט דער נאָמען עברי־עברים?

דער שורש ע ב ר פון וואַנען עברי שטאַמט, האָט דריי טייטשן:

1) איינער פון אברהמס אור־פאָטערס, דער גרינדער פון דעם עברי־שטאַם, איז געווען ע ב ר (אייווער) — אַן אור־אור־אייניקל פון שם בן נח, און 6 דורות דירעקט נאָך עבר איז געבוירן געוואָרן א ב ר ה ם.

2) ע ב ר י מיינט אויך אַ דורכוואַנדערער, עובר־דרך, עברי.

3) ע ב ר י קומט אויך פון „עבר הנהר" — פון יענער זייט טייך פרת (עפראַטוס): „בעבר הנהר ישבו אבותיכם" (יהושוע כ"ב ב') פון וואַנען ת ר ח אבי אברהם האָט עוקר געווען מיט זיין גאַנצער משפחה פון אור כשדים, וואָס איז דרום פון טייך, נישט ווייט פון פערסישן אויסגוס) — „ללכת ארצה כנען" (בראשית י"א לא).

אָבער קיין כנען איז ער נישט דערגאַנגען, נאָר אָנשטאָט אַהין איז ער פאַרפאָרן מיטן לאַנגן וועג, פאַזע דעם גרויסן טייך פרת, ווייט לענאויס צו צפון זייט, ביז דעם לאַנד חרן — „וישבו שם„ (שם) און דאָרט זיינען זיי שוין געבליבן ביז נאָך תרחס טויט אין עלטער פון 205 יאָר.

פ־רעגט זיך די פראַגע: אויב תרח האָט אין זינען געהאַט זיך צו באַזעצן אין לאַנד כנען, ווי דער פסוק זאָגט, פאַרוואָס האָט ער זיך פאַרנומען צו צפון זייט, פון אור־כשדים אַזש קיין חרן (היינטיקע צפון סיריע) אָנשטאָט מערב, צום לאַנד כנען, וווהין ער האָט אָריגינעל געפּלאַנט? און צווייטנס—פאַרוואָס טאַקע „ארצה כנען"? וואָס האָט אים געצויגן אַהין? און ווען האָט ער געהאַט אין חרן?

אויף זיכער ווייסן מיר טאַקע נישט, אָבער מיר קענען זיך משער זיין, טיילווייז פון די אַלטע מקורות און טיילווייז פון די נייע אויסגראָבונגען און אַנטדעקונגען.

פון די אַלטע מקורות ווייסן מיר אַז די אַראַבישע מדבריות פון טייך פרת ביז כנען זיינען געווען פאַרפּעסטעט מיט רויבער־באַנדעס פון כשדים און שבאים (זע איוב פרק א', וואָס זיי האָבן געטאָן צו איובס קינדער, זיי דערמאָרדעט, און צוגערויבט זייערע קעמלען, שאָף און רינדער). שפּעטער זיינען אויך צוגעקומען די ישמעאלים און עמלקים און נאָך אַזוינע מדבר חברה־לייט, וואָס האָבן געלעבט פון מאָרד, גנבה און גזלה.

די כשדים, באַוווּסט ביי די אומות העולם ווי כאַלדעער, זיינען מיט דער צייט ציוויליזירט געוואָרן; געוואָרן אַ טייל פון דער בבלער אימפּעריע, און זיינען באַרימט געוואָרן ווי שטערנזעער־אַסטראָלאָגן; האָבן באַשטימט נעמען פאַר שטערן־גרופירונגען, אַלס הילף פאַר נאַוויגאַציע און קאַראַוואַן־צוגן, ווי אויך אַסטראָנאָמען צו באַשטימען דעם קאַלענדאַר פאַר חדשים און יאָרן.

אַזוי ווי תרח מיט זיין היפשער משפחה איז געווען אַן אָנגעזעענער פאַרמעגלעכער בעל־הבית, מיט פיל קעמלען, שאָף און רינדער, האָט ער נישט געוואַגט נעמען קיין שאַנסן דורכצוקרייזן דעם ריזיקן מדבר מיט זיין גאַנצן פאַרמעגן אין דעם ווינציק אויסגעטראָטענעם געפערלעכן קאַראַוואַן־וועג קיין כנען, ווו ס'האָבן געווילדעוועט די רויבער־באַנדעס, און וווהין ער האָט פריער געפּלאַנעוועט צו פאַרנעמען זיך.

נו האָט זיך די בכבודיקע משפחה פאַרקערעוועט צום ווייטערן צפון, לענגאויס דעם טייך פּרת, ווו דער שליאַך איז שוין געווען אַ באַוועגלעכער און אַ באַזעסענער פון קרובישע סעמיטישע שבטים און געוויס אַ מער זיכערער.

איצט קומען מיר צו דער פראַגע: פאַרוואָס עפּעס חרן? און וואָס האָט תרחן געצוווּנגען צו פאַרלאָזן אור־כשדים אין ערשטן פאַל? און ווי אַזוי קומען זיי שפּעטער צו ארץ כנען אַלס דאָס צוגעזאָגטע לאַנד פאַר די עברים און די שפּעטעדיקע בני־ישראל?

דער חומש גיט אונדז נישט די אורזאַכן און סיבות פאַר דעם. דאָ מוזן מיר אָנקומען צו די אויסערגעוויינלעכע אַנטדעקונגען און אויסגראָבונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען מיט אַ צייט צוריק.

לויט ד"ר עתניאל מרגלית, וואָס זיין מחקר איז דערשינען אין ירושלימער „בית מקרא" מיט אַ צייט צוריק *) זיינען קיין צפון סוריה אָנגעקומען אַ גרופּע אַרכעאָלאָגן פון רוימישן אוניווערסיטעט אין יאָר 1964 און האָבן אָנגעהויבן גראָבן ביי אַ פרע־היסטאָרישער שטאָט אבלה (עבלאַ) אַרום 50 קילאָמעטער צפון פון דער תנכישער שטאָט ח מ ת, וואָס איז לויטן תנ"ך דער צפונדיקסטער גרענעץ פון ארץ ישראל, און וואָס איז ווייזט אויס בלויז אַ קורצע צייט אַריבער אין ישראלס הערשאַפט אין דער צייט פון דוד המלך ווען „לבוא חמת" (האַמאַט אין סיריש) ווי אויך דמשק זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטער זיין מלוכה, און אַ צייט שפּעטער צייטווייליק אויך אונטער ירבעם בן יואָש מלך ישראל (אַרום 750 יאָר פאַר דער איצטיקער צייטרעכענונג).

אין זייערע אויסגראָבונגען האָבן די איטאַליענישע אַרכעאָלאָגן אַנטדעקט אַ גרויסע צאָל ליימענע טאָוולען מיט אויסגעקריצטער פלעקל־שריפט (כתב היתדות „קונעיפאָרם סקריפּט" אויף ענגליש). דאָ וויל איך באַמערקן, אַז פאַר משה רבנו איז דער פאַרצייטיקער העברעישער כתב נאָך נישט אַנטדעקט געוואָרן, און באַנוצט האָט מען זיך דאַן מיטן כתב פון די סומעריער פון תנ"ך־לאַנד „שנער".

אויף די אַנדעקטע ליימענע טאָוולען ווערן באַשריבן אויף אַן אוראַלטע סעמיטיש־עברישע שפּראַך (אַ שפּראַך וואָס כמעט אַלע סעמיטישע פעלקער אויפן מיטעלן מזרח האָבן גערעדט, מיט קליינע דיאַלעקטישע אונטערשיידן), אַז דאָרט האָט געהערשט אַ דינאַסטיע מלכים אַרום 2250 פאַר דער צייטרעכענונג, וואָס דער דריטער פון זיי האָט געהייסן עברי־ם אָדער עבר־ם — שטוינענדיק ענלעך צו עבר־עברים ווי אויך אברם. זייער קיניגרייך איז געווען פאַרשפּרייט אין מובלעות (יבשהדיקע „אינדזלען" אָדער קאָלאָניעס) מיט עברישע שבטים אין אור כשדים, אין כנען, אין חרן, ווי אויך אין דער רעזידענץ־שטאָט א ב ל ה, ביי חמת, צפון זייט פון חרן.

דאָס מיינט צו זאָגן, אַז דער אור־זיידע תרח מיט זיין הויזגעזינד, מיט זיין זון, אונדזער אור־פאָטער א ב ר ם בראש, זיינען נישט געקומען סתם אין אַ פרעמד לאַנד חרן, נאָר אין אַ לאַנד פון עברים, ווו ס'האָט געהערשט אַן עברישער מלך אין זיין הויפּט־שטאָט אבלה, מיטן עברישן נאָמען עבר־ם, ווו פון דער עברישער „מובלעת" אור כשדים זיי האָבן זיך געמוזט אָפּטראָגן צוליב די פיינטלעכע דאָרט כשדים, צו אַ בעסער און פריינדלעכער „מובלעת" ח ר ן.

די דאָזיקע אויפגעדעקטע ליימענע טאָוולען האָבן געמאַכט אַ געוואַלדיקע סענסאַציע אין די אַרכעאָלאָגישע קרייזן, אַזוי אַז די איצטיקע סירישע הערשער האָבן גענומען קוקן קרום אויף דער גאַנצער געשיכטע, און האָבן טאַקע לסוף פאַרבאָטן ווייטער צו גראָבן דאָרט — טאָמער, מי יודע, אפשר ווערלן נאָך די היינטיקע אוראייניקלעך פון יענע עברים פאָדערן אויך סוריה אַלס אַ טייל פונעם אַלטן ארץ ישראל...

* * * * *

די חז"ל האָבן שוין דאַן געהאַט די [illegible]נע פראָבלעמען, ווי פריער דערמאָנט: וואָס האָט טאַקע באַוויגן תרחן אונטערצונעמען די גאַנצע הגירה מיט אַלע אירע געפאַרן און שוועריקייטן? די צווייטע פראַגע איז: אויב ער האָט אין זינען גע־

*) עתניאל מרגלית, בית מקרא ב' (ע"ג) תשל"ח: „האם ארץ העברים היא אבלה?"

האָט „ללכת ארצה כנען" ווארום האָט ער פאַרקערעוועט אין אַן אַנדער ריכטונג — חרן?

קיין קלאָרן ענטפער האָבן זיי טאַקע נישט געהאַט. איז געשאַפן געוואָרן די פאָלקס־אגדה: אַז תרח איז געווען אַ געצן־פאַבריקאַנט און האָט „געמאַכט אַ פיינעם לעבן" פאַרקויפנדיק זיינע געצן צו זיינע לאַנדלייט די כשדים. (ווי ס'טוען נאָך אפילו איצט ייִדישע פעדלערס, האַנד־לענדיק מיט איקאָנעס אין די לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער.

ווען אַברם איז אונטערגעוואַקסן און האָט איינגעזען די פינצטערקייט דערפון, האָט ער אין אַ שיינעם טאָג, ווען זיין פאָטער איז געווען אַוועק פאַר „ביזנעס" אויסגענוצט די געלעגנהייט, גענומען אַ האַק און צעשמעטערט אַלע געצן, נאָר דעם גרעסטן געץ האָט ער געלאָזן און אַריינגעשטעקט די האַק אין זיין האַנט...

ווען תרח איז צוריקגעקומען און דער־זען זיין בראָך, האָט ער געפרעגט זיין זינדל אברמען: „וואָס איז דאָ געשען? אַן אַנדרלמוסיא! אַ רעגעלער פּאָגראָם! און ווי די לעגענדע גייט, האָט אַברם אים געענטפערט בזה הלשון:

„אבא יקר: פלוצלינג איז געוואָרן אַ מריבה, אַ ביטער קריג צווישן די געצן: ווער ס'איז דער הויפּט־געץ צווישן זיי? האָט גענומען דער גרעסטער געץ און זיי געוויזן ווער ס'איז דער מעכטיקסטער צווישן זיי, געכאַפּט אַ האַק און זיי צעהאַקט און צעשפּאָלטן אויף שטיקער. און אָט האַלט ער נאָך די האַק אין זיין מעכטיקער האַנט..."

זאָגט צו אים תרח: „דאָס קענסטו איינ־רעדן זיי, די חמורים געצנדינערס, אָבער מיר ביידע וויסן דאָך דעם אמת, טאָ ווע־מען גייסטו איינרעדן אַזאַ בבא־מעשה?"

נו, פאַרשטייט זיך אַז אַברם האָט זיך באַלד מודה געווען... איז אויף תרחן אָנ־געפאַלן אַ שרעק, אַז ווען זיינע שכנים די כשדים וועלן זיך דערוויסן וואָס ס'איז געשען מיט זייערע געצן, וועט זייער לעבן זיין אין גרויס געפאַר. האָט ער באַשלאָסן באַלד איינפּאַקן זיין האָב און גוטס, נעמען דאָס גאַנצע הויזגעזינד און אַוועקוואַנדערן ווייט אַוועק פון זיינע שכנים די כשדים— אין דעם לאַנד חרן, וואָס ס'איז געווען באַזעצט פון קרובישע עברישע שבטים, אַזוי ווי אויבן אָנגעוויזן:

די אגדה דערציילט ווייטער דעם קלי־מאַקס פון דער לעגענדע:

ווי נאָר די כשדים האָבן זיך דערוווּסט פון זייער בראָך, האָבן זיי פאַרמשפּט דעם „געצן־מערדער" אברמען פאַרברענט צו ווערן. זיי האָבן אָנגעצונדן אַ קאַלכאויוון און אברמען דאָרט אַריינגעוואָרפן. אָבער אַ נס איז געשען מיט אברמען, פּונקט ווי מיט דניאלס חברים 1500 יאָר שפּעטער. ער איז ניצל געוואָרן און אַרויס אַן אומ־באַשעדיקטער פון דעם פלאַם־פייער.

ווי נאָר אַברמס יינגסטער ברודער הרן האָט דעם נס דערזען, האָט ער אויסגע־שריען, אַז ער גלויבט אויך אין דעם גאָט פון אברמען און איז תיכף אַריינגעשפּרונ־גען אין קאַלכאויוון. אָבער קיין נס איז מיט הרנען נישט געשען, און ער איז פאַרברענט געוואָרן...

דערמיט דערקלערט זיך אויך פאַרוואָס הרן איז אַזוי יונג געשטאָרבן, און דער־פאַר האָט אַברם אַדאָפּטירט זיין פלימע־ניק לוט, זיין יונגסטן ברודערס הרנס זון, ווי זיין אייגענעם זון.

* * * * *

תרח האָט געלעבט אַ לאַנג לעבן — 205 יאָר. נאָך זיין טויט אין חרן פאַנגט זיך אָן די פרשה לך־לך. גאָט הייסט אברמען וואַנדערן ווייטער: „לך לך מארצך אל הארץ אשר אראך"— פאַרנעם זיך ווייטער פון דיין לאַנד, צו אַ לאַנד וואָס איך וועל דיר אָנווייזן. וואָס איז ווייטער געשען? פאַרוואָס מוז ער ווייטער וואַנ־דערן? דער פסוק גיט נישט אָן קיין סיבה אָדער אורזאַך. דאָ מוזן מיר אָנקומען צו די אַנטדעקונגען אין אבלה, ווי פריער אָנגעוויזן.

די עברים אין זייער אוראַלטער צע־שפּרייטקייט אין די „מובלעות" און תפו־צות זיינען געוואָרן שוואַכער. ס'זיינען אויפגעקומען אַנדערע פעלקער, קריגע־רישע, פאַרכאַפּערישע, אָבער אויך מיט אַ פאַרצייטיקער קולטור, וואָס האָט אי־בערגעלאָזט אַן אָפּקלאַנג אין דער אור־אַלטער געשיכטע. זיי האָבן גערעדט אויף סעמיטישע שפּראַכן און דיאַלעקטן ווי אַלע סעמיטישע פעלקער אין מיטל־

מזרח, ווען ס'איז נישט שווער געווען צו פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן.

קיין עברישע שריפט איז נאָך דאַן ניט געווען, דאָס איז ערשט געשאַפן געוואָרן אַ סך שפעטער אונטער משה רבנו. (דערפון וועלן מיר ריידן ביי אַן אַנדער געלעגנהייט). די דערציילונגען און ביאָגראַפיעס פון די אָבות, אויף וויפיל ס'זיינען פאַרבליבן, זיינען איבערגעגעבן געוואָרן פון מויל צו מויל, פון דור צו דור, ביז ס'איז אויפגעקומען דער כתב עברי — דער פאַרצייטיקער עברי־שריפט אין דער תקופה פון משה רבינו, ווי דער פסוק זאָגט: „ויכתוב משה את התורה הזאת ויתנה אל הכהנים... ואל כל זקני ישראל.״ (דברים ל״א ט׳). דאַן איז עס פאַרשריבן געוואָרן אין מגילות, געזאַמלט געוואָרן, ווי אויך אויסגעקריצט געוואָרן אין שטיינערנע און ליימענע לוחות.

די צפונדיקע אכדים און אוגריתים ווי אויך די חיתים פון יענע מקומות האָבן שוין יאָ באַנוצט אַ שריפט, דעם כתב היתדות, פלעקל שריפט, ווי פריער דערמאָנט, אַ פרימיטיווע שריפט, אָן וואָקאַלן, בלויז קאָנסאָנאַנטן. דאָס האָבן זיי איבערגענומען פון די סומעריער פון ש נ ע ר, אַ נישט־סעמיטיש פאָלק, נאָך פון די צייטן נאָך דעם דור הפלגה.

פון אָט־די ליימענע טאָוולען דערוויסן מיר זיך, פון פאַרצייטיקע עברים אין די „מבלעות״ און ווען די אויפגעקומענע און קריגערישע פעלקער זיינען אָנגעקומען איז געוואָרן ענג און געפערלעך פאַר די עברים אין יענע מקומות, און זענען געצווונגען געוואָרן צו נעמען דער וואַנדערשטאָק אין די הענט און וואַנדערן ווייטער.

דאָס האָט פאַסירט מיט אַברמען, זיין פרוי שרי און זיין פלימעניק לוט מיט אַלע זייערע הויפמענטשן און סטאַדעס. אַברמס ברודער נחור איז פאַרבליבן ווייטער אין חרן מיט זיינע בני־בית, און פון דער משפחה האָבן אונדזערע אָבות געצויגן שידוכים מיט זייערע טעכטער פאַר זייערע זין יצחק און יעקב.

מיט דעם „לך־לך מארצך״, דאָס מאָל „על פי הדיבור״, ווי די תורה זאָגט, האָט אונדזער שטאַם־פאָטער אַברם אָנגעהויבן זיין וואַנדערונג אין דער פאַרקערטער ריכטונג צו דרום־מערב, קיין כנען. דאָ האָבן זיי אָנגעטראָפן פריינדלעכע שכנים און פעלקער מיט אַן ענלעכער שפראַך. דאָ האָבן אַברם און שרי טיילווייז געענדערט אָדער מאָדיפיצירט זייערע נעמען.

דער חומש גיט אַן אורזאַך פאַר אַזאַ ענדערונג: אַ ב ר ה ם מיינט: אב המון גויים — אַ פאָטער פון אַ המון פעלקער, און ש ר ה מיינט: האַרינטע, פרינצעסין.

וועגן דעם גאַנצן ווייטן וואַנדערוועג ווערט נישט באַשריבן אין חומש, עס ווערט בלויז אָנגעוויזן: אל הארץ אשר אראך״ — דו טראָגט זיך גלייך אָפ פון דאַנען — וווהין? דאָס וועסטו שוין זיך שפעטער דערוויסן. אָבער ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין כנען ווערט שוין דערמאָנט ווו זיי האָבן פרובירט זיך צו באַזעצן. צוערשט אין שכם, ווו אברהם האָט אויפגעשטעלט אַ מזבח; ער איז אָבער אַוועק ווייטער, קיין בית־אל; אויך דאָרט אויפגעשטעלט אַ מזבח. ער איז אָבער אויך פון דאָרט אַוועק ווייטער צו דרום אין נגב, ווו ער האָט זיך שוין פערמאַנענט באַזעצט אין באר שבע.

דאָרט האָט שוין אַברהם געגראָבן ברונימער, געפלאַנצט אַן אשל (טאַמאַריסק) און זיך באַזעצט אויף אַן אמתן. זיינע נייע פריינד די בני חת: ענר, אשכול און ממרא, האָבן אנערקענט דעם געהויבענעם סטאַטוס זיינעס, נאָך פון זיין פריערדיקן צפון לאַנד, פון וואַנען די חתים שטאַמען, האָבן אים אָנגערופן „נשיא אלהים״, האָבן געשלאָסן אַ בונד מיט אים און געוואָרן זיינע בעלי־ברית. אפילו אבימלך, דער מלך פון די פלישתים, און פיכול זיין שר צבא, זיינען געקומען מיט אים פאַרהאַנדלען ווי מיט אַ מאַכט פון זייערס גלייכן.

פון אָנפאַנג איז אים דאָ אויך נישט געגאַנגען גוט. ס'איז געשען אַ הונגער און ער האָט צייטווייליק געמוזט אויסוואַנדערן קיין מצרים. אָבער ער איז צוריקגעקומען מיט אַ מצרישער פילגש הגר, ער ווערט רייך, אַזוי אַז דאָס לאַנד האָט ניט געקענט פטרטראָגן אברהמען צוזאַמען מיט זיין פלימעניק לוט, אַזוי אַז יענער האָט זיך געמוזט אָפטראָגן קיין סדום, און פון דאָרט איז ער טאַקע שפעטער געקידנעפט געוואָרן פון פיר רויבערישע מלכים־באַנדיטן.

ווען דאָס אומגליק איז געשען, איז אברהמען נישט שווער געווען צונויפּ־שטעלן אַן אַרמיי פון 318 מאַן „חניכים“, היימיש־מושטירטע, און צוזאַמען מיט זיינע בעלי־ברית, די שכנישע בני־חת, האָבן זיי נאָכגעיאָגט די באַנדיטן, זיי צוקלאַפּט, געראַטעוועט לוטן, ווי אויך באַפרייט די באַזיגטע פינף סדומישע מלכים מיט זייערע שאָף און רינדער.

אַברהם אָבינו האָט זיך גוט איינגעלעבט אינעם לאַנד. זיינע נייע פריינד, די בני חת, זיינען אים נישט געווען פרעמד. ער האָט שוין געהאַט צו טאָן מיט זייער פאָלק, די חיתים, נאָך זייענדיק אין צפון־לאַנד, אין חרן. פון דאָרט האָט ער מיטגעבראַכט זיין געטרייען קנעכט־פאַרוואַלטער־אויפ־זעער אליעזר פון דמשק, וועמען ער האָט אָנפאַרטרויט די העכסט פאַראַנטוואָרט־לעכע שליחות צו ברענגען אַ ווייב פון זיין משפחה אין חרן, פאַר זיין זון יצחקן. און ער האָט טאַקע מצליח געווען מיט רבקהן, זיין ברודער בחורס אייניקל.

נאָך שרהס טויט האָט אַברהם חתונה געהאַט אַ דריטן מאָל מיט קטורהן. פון איר האָט ער געהאַט זעקס זין. פון זיינע דריי ווייבער: שרה, הגר, קטורה, זיינען טאַקע אַרויסגעקומען — אַחוץ די בני־ישראל — אַ המון גויים, ווי זיין נאָמען סימבאָליזירט, און אָט דער המון־גויים, ווי די ישמעאלים, אדומים, עמלקים א״אַ האָבן טאַקע אָנגעטאָן זיינע אייניקלעך, די בני ישראל, אַ סך צרות...

* * * * *

ווען אברהמס אייניקל יעקב, האָט אַדאָפּ־טירט זיין צווייטן נאָמען, ישראל, (הערשער פון גאָט) האָבן זיינע קינדער און אָפּשטאַמיקע זיך גערופן בני ישראל. נאָכן חורבן פון דער צפונדיקער מלכות ישראל דורך אַשור, (אַרום 700 פאַר דער צייטרעכענונג), וואָס דאָס איז געווען פּראָ־פּאָרציאָנעל דער גרעסטער חורבן וואָס אונדזער פאָלק האָט געליטן, ווען אַן ערך אַ העלפט פון אונדזער פאָלק אין דעמאָלט חרוב געוואָרן.... האָבן יידן ביט נאָר אין לאַנד יהודה, נאָר אויך אין גלות זיך גערופן יהודים, נאָכן הויפּט שבט יהודה.

מיר האָבן נאָך אַ פּאַרצייטיקן פּאָעטישן נאָמען: ישורון. דאָס שטאַמט מסתמא פון שורש ישר, יושר, רעכטפאַרטיקייט. אין חומש, אין דברים, געפינען זיך די אויסדרוקן: „וישמן ישורון ויבעט“, ויהי בישורון מלך“, „אין כאל ישורון, ווי אויך אין אַנדערע ערטער אין תנ״ך, מיט אַ פּאָעטישן אינהאַלט און דערהויבנקייט.

איצטער מיט תקומת ישראל און מיט דער אויפלעבונג פון דער דורותדיקער עברי־שפּראַך פאַר מיליאָנען יידן, זיינען מיר ווידער בעז״ה: יהודה וישראל ישכון לבטח לעולם ועד.

---

# ליטעראַרישער נאָטיץ

## שלמה שוואַרץ — אַ מאָדערנער יידישער דיכטער

אין י. ל. פרץ פאַרלאַג, תל אביב, איז נאָר וואָס דערשינען אַ בוך לידער פון מאָ־דערנעם יידישן דיכטער שלמה שוואַרץ, וואָס לעבט אין דער צווייט־גרעסטער שטאָט פון אַמעריקע, אין שיקאַגאָ, ווייט פון שרייבערישן הו־האַ!

דאָס איז שוין דאָס זעקסטע בוך זיינס אין יידיש. (5 אין ענגליש). פינפטער בוך זיינס: „בראָנדזענער מבול“ האָט געוווּנען דעם אַלוועלטלעכן יידישע קולטור־קאָנ־גרעס פּרעמיע. דאָס זיינען די ראשי־פּרקים פון די אָפּטיילן אין בוך: „האַרב־סטיקער פּייער“, אַ נייַ בוך לידער פון 207 זייטן:

„איך מישפט פון באַיאָרנטקייט“
„דער לעצטער פּיקניק“
„צווישן הייסע ציגל“
„זילבערנע טראָמבאָנען (אַמעריקאַנאַ)“
"גלעזערנער בראַנד“
„די אַש־ווייסע זאָקן“
„מיין בלעכן ציגעלע“.

י. ל. פרץ פאַרלאַג, תל־אביב, ישראל. דער פרייז פון בוך: $9.95.

צו באַקומען אין „ציקאָ“ פאַרלאַג:
48 איסט 21 גאַס, 9טן גאָרן, ניו־יאָרק, נ.י. 10010.

אויך אין:
עדוקיישאָנאל אָפּטייל, אַרבעטער רינג:
45 איסט 33סטע גאַס, ניו־יאָרק, נ. י. 10010.

און ביים מחבר:
סעלווין שוואַרץ (שלמה שוואַרץ)
4250 מאַריק דרייוו
שיקאַגאָ, איל. 60013.

## נייע ביכער

### אָנגעקומען אין רעדאַקציע:

רבקה קאָפּע: „אינטים מיטן בוך" (צווייטער באַנד), 280 ז"ז. פּאַריז 1983. אינעם בוך קומען אַריין דרייסיק עסייען און אָפּהאַנדלונגען וועגן שרייבערס און ביכער, וואָס רבקה קאָפּע האָט געשריבן און פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע זשורנאַלן (אויך אין „חשבון") פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר.

* * * * *

„אונדזער געזאַנג", געזאַמלט און צונויפגעשטעלט: **בינה שטיינבערג.** 255 ז"ז. פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, 1984. דאָס איז אַ זאַמלונג לידער (פּראָזן מיט נאָטן), וואָס זענען געזונגען געוואָרן דורך די שילער פון די יידיש־וועלטלעכע שולן אין פּוילן ביזן חורבן. דאָס בוך איז פאַרזען מיט אַ פאָרוואָרט פון דער מחברטע און פון שלום סאָראָקאַ, ווי אויך אַן עסיי אד"ט „אויפן ראַנד פון אַ געזעמל", פון דוב סדן. הילע און צייכענונגען פונעם קינסטלער יאָסל בערגנער. דער מוזיקער נחמן דאָרעמבוס האָט געהאָלפן באַאַרבעטן דעם מוזיקאַלישן טייל (נאָטן) פונעם בוך.

* * * * *

צוליב אַ פאַרדריסלעכן דרוק־פעלער דרוקן מיר איבער די פאָלגנדע נאָטיץ פונעם פאַריקן נומער (103) „חשבון": **צבי אייזנמאַן**, „נעמט מיך אין לאַנד פון פאַרגעסן", דערציילונגען און בילדער, פאַרלאַג קיבוץ אלונים, 1983, ישראל. 91 זייטן.

צבי אייזנמאַן איז געווען דער מיטגרינדער פון דער ליטעראַרישער גרופּע „יונג ישראל." זיינע ביכער, וואָס האָבן אַרויסגערופן גרויס אינטערעס אין ישראל און אין דער יידישער וועלט, זענען איבערגעזעצט אין עברית.

* * * * *

מרדכי שטיינבערג: בלויע האָריזאָנטן", דערציילונג, מיניאַטור, רעפּאָרטאַזש. ה. לייוויק פאַרלאַג ביים פאַראיין פון יידישע שרייבערס און זשורנאַליסטן אין ישראל.

מרדכי שטיינבערג: „שפּיגלען", עסייען. ה. לייוויק פאַרלאַג ביים פאַראיין פון יידישע שרייבערס און זשורנאַליסטן אין ישראל.

* * * * *

עקיבא פישבין: „אַ יידישער בליק אויף בעטהאָווען". הילע און צייכענונג פון בעטהאָווען פון משה'קע באַהעלפער־באַגעל, פּאַריז, 1984.

* * * * *

שלמה שוואַרץ: „האַרבסטיקער פייער". פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ישראל, תל־אביב, 1984.

* * * * *

ירושלימער אַלמאַנאַך 15, 1984, יידישע שרייבער־גרופּע אין ירושלים. פאַרלאַג „אייגנס".

וועגן אַלע רעדאַקציע ענינים פון „חשבון"

זיך ווענדן צו:

**SOL SCHLOSSER**

837 West Knoll Drive • Los Angeles, Calif. 90069

# ליטעראַטור־פּרעמיע
# א"נ פון פערנאַנדאָ כענאָ

די קולטור־קאָמיסיע ביים יידישן צענטראַל קאָמיטעט אין מעקסיקאָ, וואָס אַדמיניסטרירט די ליטעראַטור־פּרעמיע אויפן נאָמען פון פערנאַנדאָ כענאָ און וואָס וועט אויסגעטיילט ווערן שוין צום נײַנטן מאָל אין חודש מערץ פון יאָר 1985/פאָנד 1984, ווענדט זיך מיט דעם פאָלגענדן רוף צו אַלע יידישע, העברעישע און יידיש־שפּאַנישע שרייבערס פון דער גאָרער וועלט:

אַלע די וואָס ווילן אַנטייל נעמען אין יערלעכן קאָנקורס פאַר 1984 פון דער פּרעמיע, דאַרפן צושיקן צוויי עקזעמפּליאַרן פון זייערע געדרוקטע ווערק אין יידיש, עברית, אָדער שפּאַניש, צו דער קולטור־קאָמיסיע ביים יידישן צענטראַל קאָמיטעט אין מעקסיקאָ.

אין חודש מערץ פון יאָר 1985 וועלן אויסגעטיילט ווערן די דריי פּרעמיעס צו מחברים פון דריי ביכער אין די אויבנדערמאָנטע שפּראַכן. יעדע פּרעמיע באַטרעפט אַ סומע פון טויזנט דאָלער

ביים שיקן די געדרוקטע ווערק ווילן מיר בעטן אַלע מחברים, אַז זיי זאָלן נעמען אין אַכט די פאָלגנדע תקנות פון ליטעראַטור־פאָנד:

א) די געדרוקטע ביכער דאַרפן האָבן אויף זייערע שער־בלעטער די דאַטע פון זייער דערשיינען אין משך פון די לעצטע צוויי יאָר צייט, ד"ה, 1983 און 1984.

ב) ביכער וואָס זיינען שוין פּרעמירט געוואָרן דורך אַנדערע ליטעראַטור־פאָנדן קענען ניט גענומען ווערן אין באַטראַכט.

ג) דער טערמין פון צושיקן ביכער, צו צוויי עקזעמפּלאַרן אומבאַדינגט, ענדיקט זיך דעם 31טן דעצעמבער, 1984.

אַלע ביכער דאַרפן געשיקט ווערן אויפן פאָלגנדן אַדרעס:

**צענטראַל־קאָמיטעט אין מעקסיקע :**

COMITE CENTRAL ISRAELITA
*Fondo Literario Fernando Jeno*
Acapulco 70 Desp. 503
MEXICO 7, D.F.C.P. 06700

GREETINGS FOR THE NEW YEAR
*from*

## *Westland Printing Co.*

1234 West Seventh Street
Los Angeles, Ca. 90017
Tel. MA 8-4216

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאַרער וועלט

### באַראַכאָוו-פּינסקי עמק צווייג און וויצמאַן צווייג ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

גמליאל שלאַפמאַן, פאָרזיצער
דוד שרגא, וויצע־פאָרזיצער
אהרן קאַלאַדני " "
מאַקס גאָלדשטיין " "
מרדכי בן דוד " "
בערטאַ קאַרין, פינאַנץ סעקרעטאַר
עדינה פרידמאַן, קולטור פאָרזיצער

### בן גוריון - סירקין צווייג ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

הערי הירש, פאָרזיצער
דזשוליוס ליבזער, וויצע־פאָרזיצער
לייב גאָלדבערג, פינאַנץ־סעקרעטאַר
רעי קאַהאַן, רעקאָרדינג סעקרעטאַר

### שלום עליכם צווייג ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

טוביה כ"ץ, פאָרזיצער
לייב ראָזענבלאַט, וויצע־פאָרז.

### וויצמאַן-זאַלצמאַן צווייג ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

דוד שרגא, פאָרזיצער
און פינאַנץ סעקרעטאַר
שמחה ראָזען, וויצע־פאָרז.
הענרי קאַמינס, פראָט. סעקר.

### הירשביין-רויזענבלאַט צווייג 359 ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

מאָריס דייטש, פאָרזיצער
הערי אבראַמס, וויצע־פאָרז.
פנינה אָסמאַן, פינאַנץ סעקר.
בען טאָובער, קאַסירער

### דרורה צווייג פּיאָנערן פרויען

ליבע שלאַפמאַן, פאָרזיצער
פריידל טראַפימאָוו, וויצע־פאָרזיצער
בערטאַ קאַרין, פינאַנץ סעקרעטאַר
רעגינאַ סידלער, קאַסירער

### מעדעם-וולאַדעק-ליעסין בר. 443 אַרבעטער רינג

משה נאַדעלמאַן, פאָרזיצער
דוד גאָלדמאַן, סעקרעטאַר

### די נאָווידוואָר סאָסייעטי

ווינטשט אירע מיטגלידער און אַלע יידן אַ געזונט און גליקלעך יאָר.

רחל קליינבאָרד, פרעזידענט

### נאַשעלסקער לאַנדסמאַנשאַפט אין לאָס אַנדזשעלעס

יוסף קאָרן, פרעזידענט

### זיגלבוים אַרב. רינג ברענטש 486

לילקע מייזנער, פאָרזיצערין

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

## יידישע חבורה פון פּאַסיפיק פּאַליסיידס

ווינטשט אַלע יידן אַ געזונט יאָר און שלום אויף דער וועלט.

י. טייטלבוים, פּאָרזיצער

---

## בענסאַן שעיפער און משפחה

פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן

---

## שאַרף, עלסי און לאַרי

---

## טאַובער, סאַלי און בעריש

---

## יודזשין ווייס

---

## אילאַי ניומאַן און משפּחה

---

## צוקערמאַן, ציליע און שלמה

---

## חיים פלאָטקין

ניו־יאָרק

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל און מדינת ישראל און איבער דער גאַנצער וועלט

אייזנמאַן, רבקה און משפחה
אין אָנדענק פון משה אייזנמאַן

מנחם קאַרסאַן

נתן און לודמילאַ גערשאַוויטש

ירושלמי (דזשערוס) גרשון
און משפחה — אַנאַהיים, קאַליפ.

קאַפּלאַן, רחל און דוד

סימע און אברהם לעפּקאָוויטש
אַ כתיבה וחתימה טובה צו אַלע יידן איבער דער וועלט

שרה און שמחה ליינער און משפחה

דוד לובין

חנה רוהמאַן

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאַנצער וועלט

דייטש, סעמיועל און לוסי (שיקאַגאָ)

פעלנער-מאַראַקאַ — פייגע און משה

הערבסט — טשאַרנע און גרשון

הירש — טאָני, ארי און אילאַי

יוסמאַן—רות

קאָרין — בערטאַ און נאַרמאַן

לעווין — רעגינאַ און דזשעק

מעלאַמעדאָוויטש — פייגל און יצחק — סקאָקי, איל.

שלאַפמאַן — ליובע און גמליאל

זייף — צפורה און אליעזר

וואָודס — בנימין און משפחה

סיגל — מנוחה און אָשר

עלבערג — שיינדל און יהודה
מאָנטרעאָל

סילבער — אַדעל און יצחק

טויבעס, גלאַדיס
אַ גוט יאָר פאַר מיינע קינדער און פריינד

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאַרער וועלט

אַלפּער, מאַקס און משפחה
אבראַמס, העלען און הערי
אַמאַן, סאַניע
אַפּטייקער, אסתר
אַסטראָוו, ראַזע

בלושטיין, שרה, נחום און קינדער
בערמאַן, חוה און העניך
בורשטיין, ד״ר הערשל און משפחה

גאַרפּיין, רחל און מאַניע
גאָלדפאַרב, לילי און עמנואל
גאָלדמאַן, אַדעל און דוד
גאַלאַמב, רבקה
גאַראַ, מערי און הערי
גאַרנשטיין, פרומע און דוד
גלאַזער, חייקע און משה

רחל און אלימלך דייטש
דאַום, איזידאָר (ניו־יאָרק)
ד״ר דזשאַנעט האַדאַ

הענלי, מאַשע

וועלטמאַן, פראַניע
אין אָנדענק פון איר מאַן משה מענדל
ווייס, פלאָרע און שמואל
וואַנאַמייקער, ד״ר און באַשע

טיילער, ליבע און מאיר
דעזערט האַט ספּרינגס

כּהן, אסתר און משה
כּ״ץ, דאָראַ און טוביה

לאַקריץ, ישראל
לאַנצמאַן, ליליען און בערנאַרד
לאַנג, נעמי
לעווינסאָן, רעוו. לעאַ און חסיה
ליבערמאַן, רבקה, שיינדל
און משפחה
ליפּסמאַן, ראַזע און שמעון
לישינסקי, מעלוואַ און שלמה

מייפּער, ווירא און טשאַרלס
מלאך־קרעמער, לאָטי

נאָדעלמאַן, משה
אין אָנדענק פון מיין פרוי בעקי
ניומאַן, אידיט
ניומאַן איליי און משפחה

סאַפּיאַן, פּעי
סיגעל, סאָפיע
סלוצקי, אברהם און משפחה
סלוצקי, רחל און מענדל
סטענזאָר, גיטל און איזידאָר

פּינסקי, אהרן
פּיטערס, דזשין און אוירווינג
פעלדרייז, גיטל
פאַקס, סידני און משפחה
ד״ר פישער, בערנאַרד און ליסאלעט
פריזענט, פעני און סאַל (פּיטסבורג)
פרידמאַן, חיה און גרשון

צוקערמאַן, טשאַרלז

קאַפּלאַן, משה
קעניגזאַן, געניא
קאָרן, יוסף
קאָלאָדני, סילוויאַ און אהרן

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאַרער וועלט

ראַזען, סיימאַן
לזכרון מיין טאָכטער אסתר ע"ה

ראַזעבוים, גד (סאַוטפילד, מיש)

שייפער, טשאַרלי

שייפער, יעקב
אין אָנדענק פון מיין פרוי ליובאַ ע"ה

שלאַסער, נעכע און זלמן

שנור, פייגע און יוסף

שאַ, ד"ר מעני און מלכה

שטיינמאַן, סאַבינאַ און נייטן

ד"ר קאַרל שוגער

שקליאַר דבורה און משה

שוואַרץ, דאַראַ

---

טייערער פריץ לערך:
מזל טוב ! צום געבורט פון אייניקל
**אסתר אַדריען**
מאַניק און דייוויד:
אַ סך נחת און גרינגע דערציאונג
פון אייער טעכטערל.
**חיהלע און גרשון פרידמאַן**

---

אַ לשנה טובה צו מיינע לאַנדסלייט און פריינד: דוד שרגא, ליובע און לעאָן שלאַפמאַן, מרדכי און חנה בן־דוד.
**סאַל און פעני פריזענט**
פיטסבורג, פען.

---

**אַנגעלטשוק, פעני און יאַנקל**
(ענדזשעליק) פראַנקרייך
ברכות פאַר אַ געזונט, גליקלעך יאָר
פאַר אונדזערע פריינד:
חיהלע און גרשון פרידמאַן
און רחל און מענדל סלוצקי.

---

דער דיסטריקט קאָמיטעט פון
# אַרבעטער רינג
שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע מיטגלידער און פריינד בכל מקום שהם.
לאָמיר דערלעבן צו אַן אמתן שלום צווישן ישראל און אירע שכנים, ווי אויך אַן אמתן שלום אויף דער וועלט.

# THE WORKMEN'S CIRCLE
1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035 • (213) 552-2035

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאַנצער וועלט

אַמסטער לאה און לאַזאַר

בייראַק, דאָראַ

גאַלינאַ, סאָפיע
גאָרנשטיין, לאה און משה
גיבערמאַן, אסתר
גילינסקי, ליובע

גליקמאַן, ציליע

גורעצקי, סילוויאַ

גילדער, שמחה

דזשאַריק, בליומע
דאָטשעס, בלאַנש און מאַקס

האַמבורגער, חנה און משה
הירש, מאָרים
הערבסט, ד"ר הערי און מאַריאַן

וויינשטיין, רחל און אליעזר

זשוק, חיים און משפחה
זיגעלבוים, ד"ר אברהם און טעמע

טראָפימאָוו, פריידל

לעכאָוויצקי, דוואָשע און אַהרן
לעווענטאַל, בעבע און עמיל
לינזער, יוסף

מוסטער, קאַנטאָר אָסקאַר

נאַטאַנזאָן, דאָראָטי און לייב
נויווירט, אידיט און משפחה
נוטקעוויטש, בעטי און סערליי
און מישעל

סאַפּיאַן העלען און שמחה
סידלער, רעגיטאַ און חיים

פֿאַונטיין, דזשין און אורוווינג
פרידמאַן, עדינה

קאוואנעט, רבקה און הערי
קליינבאַרד, רחל און בען
קוליק, עטל און חיים

רויטבלום, זהבה און יצחק

שרגא, דוד
שטראַסבערג, מאָרים